YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv04i36

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 4 Issue 36
September 1922

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 4, Iss. 36)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/274

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)

אין מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערן!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. IV, No. 36. New York, Friday, September 8, 1922. פרייטאג, 8טען סעפטעמבער, 1922. PRICE 3 CENTS

א ווארט צו די קלאוקמאכער וועגן די מינימום ווידזש סקיילס

דער אלגעמיינער קלאוק-„סטאפּ־עדזש" האט געבראכט א גאנצע אויפ־רודערונג אין דער קלאוק-אינדוסטריע. אזוי איז עס, און אזוי האט עס געמוזט זיין. עס איז גאנץ נאטירליך, אז ווען אין אן אינדוסטריע ווערט געמאכט אזא אפּעראציע, ווען עס ווערט געמאכט אזא „שייק־אפּ", מוז עס דאך אויפטרייסלען דעם גאנצען טרייד. דאס וועט אבער אייביג נישט אנהאלטען; עס מוז זיך אלץ ווידער איינשטעלען און דאס לעבען אין דער אינדוסטריע וועט ווידער נעמען פולסירען נארמאל.

דערווייליגע אבער, איז נאך אלץ א שטיקעל גערודער. ווי מען האט געקאנט ערווארטען, זיינען געבליבען א געוויסע צאהל ארבייטער אומצופרידען. דאס זיי־נען דאס רוב די ארבייטער פון די קליינע שאפּקעס, מיט וועלכע די יוניאן קאן ניט סעטלען. די יוניאן טוט, נאטירליך, דאס בעסטע וואס מען קען, צו קריגען פאר זיי א פלאץ צו דער ארבייט אין די גרעסערע געסעטעלטע שעפּער. אבער דאס טוט זיך ניט אזוי שנעל, ווי מען וואלט גע־וואלט, און אזא ארבייט קען אויך ניט צוגעהן אזוי גלאטיג, ווי די ארבייטער און די יוניאן וואלטען עס געוואונשען. עס איז דאריבער גאנץ נאטירליך, דאס דיזע מענשען זאלען זיין אומצופרידען און זא־לען ארייינטראגען אין „קלאוק־מארקעט", דארט וואו די קלאוקמאכער קומען זיך טעגליך צונויף, אן אומצופרידענהייט, און אפילו אן אומרוהיגקייט.

און אזא צושטאנד איז גראד גוט פאר געוויסע סוביעקטען, פאר געוויסע פארשוינען, פאר די שונאים פון דער יוניאן, וואס אונטער א מאסקע פון פריינד, זוכען זיי איהר צו שעדיגען, איהר צו שטערען, איהר אונטערצוגראבען. און ווי מען לאזט אונז וויסען, האבען אט די סוביעקטען איצטער פשוט אויפגעלעבט אין „קלאוק־מארקעט", ארום די פינפטע עוועניו. זיי בלאזען פא־נאנדער די אומצופרידענהייט און זוכען אויסצוברייטען די אומרוהיגקייט. זיי טוען עס, פארשטעהט זיך, מיט'ן אבזיכט צו שעדיגען די יוניאן, אבער זיי טוען אט די טיפּעלשע צושטערונגס־ארבייט אונ־טער א מאסקע פון „פריינט".

און אט דיזע לייטע האבען אין „מארקעט" פארשפּרייט א קלאנג, אז דער איצטיגער אגרימענט אין קלאוק־טרייד

(שלוס אויף זייט 16)

קליוולאנדער קלאוקמאכער יוניאן גרייט זיך צו באנייען דעם אגרימענט

די יוניאן שטעלט ארויס איינגע נייע פאדערונגען. — וויס־פּרעזידענט מ. פערלשטיין, טשערמאן פון דער יוניאן־קאנפערענץ קאמיטע.

דער קאלעקטיווו אגרימענט אין קליוולאנד ענדיגט זיך דעם קומענדען 1טען דעצעמבער. דער אגרימענט שרייבט פאר, דאס מיט דריי מאנאטען איידער ער ענדיגט זיך, דארפען ביי־דע צדדים זיך צונויפקומען און אנפאנ־גען אונטערהאנדלונגען פאר א נייעם אגרימענט. דאס מיינט, אז ביידע צדדי'ם דארפען זיך צונויפקומען דעם 1טען אקטאבער צו א קאנפערענץ.

לעצטע וואך האט דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד געהאט א ספּעשעל מי־טינג וועגען דעם ענין. דער מיטינג האט פאר דעם צוועק ערוועהלט א ספּעציע־לע קאמיטע, באשטעהענד פון איין פער־זאן פון א לאקאל, מיט וויס־פּרעזידענט מ. פערלשטיין אלס טשערמאן.

און די קאמיטע האט פאר זיך א גאנץ שווערע און וויכטיגע ארבייט.

די קלאוקמאכער יוניאן פון קליוו־לאנד וועט, ביי דער באנייאונג פון דעם טרייד-אגרימענט, פאדערן געוויסע פאר־בעסערונגען, און די ערוועהלטע קאמי־טע איז אנפארטרויט געווארען די פּ־זיי צו פארמולירען קלאר און דייטליך. דיזע פאדערונגען אויסצוארבייטען. דיזע פאדערונגען וועלען באשטעהן אנ־געפעהר אין דעם:

1. א הערכערונג אין ווייזדזשעס. די קלאוקמאכער פון קליוולאנד זיינען געווען צווישען די יעניגע ארבייטער וואס ארבייטסגעבער האבען ארונטערגעשניטען די ווייזדזשעס, און זיי וועלען איצטער פא־דערען, די ווייזדזשעס זאלען געהעכערט ווערען. און ניט נאר וועלען זיי עס פא־דערען, זיי וועלען אויף דעם גאנץ פעסט באשטעהן.
2. אן אויסבעסערונג אין דעם סיס־טעם פון די גאראנטיע-ארבייט. אין קליוולאנד, ווי באוואוסט, גיבען די מא־נופעקטשורערס זייערע ארבייטער א גא־ראנטיע פאר א געוויסער צאהל וואכען ארבייט דורכ'ן יאהר און אין דעם פּונקט דארפען געמאכט ווערען געוויסע ענדע־רונגען.
3. „סטענדארדיזיישאן" פון טרייד.
4. עפענען ד' גרויסע דרעס-שעפּער פאר מענער-ארבייטער. דיזע שעפּער זיינען ביז יעצט געווען געשלאסען פאר

(שלוס אויף זייט 16)

גענעראל סטרייק פון די עמבראידערי ארבייטער געסעטעלט!

ארבייטער געווינען א פאלשטענדיגען יוניאן-שאפּ. — נאך א דרעס פירמע באצאהלט שטראף פאר ברעכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן. — דזשאינט באארד רופט דיסטריקט מיטינגען.

דער גענעראל-סטרייק פון די באַ־נאנו עמבראידערי ארבייטער, לאקאל 66, איז די וואך געסעטעלט געווארען. די עמבראידערי מאנופעקטשורערס אסא־סיאיישאן האט ענדליך צוריקגעצויגען די פאדערונגען וואס זי האט ארויסגע־שטעלט די ארבייטער און האט אונטער־געשריבען א קאלעקטיווען אגרימענט מיט דער יוניאן, זיך פארפּליכטענדיג, דאס די מיטגלידער פון דער אסס'ן וועלען אויפהאלטען א פאלשטענדיגען יוני־אן-שאפּ. דער סעטעלמענט איז נאך א ז'ג פאר'ן דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע, אונטער וועמעס אויפזיכט דער סטרייק איז גע־פיהרט געווארען.

ווי ברודער י. האכמאן, דער דזשענ־עראל מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד, גיט אונז איבער, וועלען די עמבראידערי ארבייטער, די בראווע סטרייקער, די טעג שוין זיין צוריק ביי דער ארבייט. עס וועלען נאך בלייבען אין סטרייק די ארבייטער פון איינגע „אינדעפּענדענט" שעפּער, מיט וועלכע די יוניאן האט נאך ניט געסעטעלט.

די מיטגלידער פון לאקאל 66 האבען אין דעם סטרייק זיך באטייליגט בראוו און מוטיג, פּונקט אזוי גוט ווי ד' טשערלוים פון די אלע אפּטיילונגען פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע, און עס קומט זיי אלע קרעדיט פאר זייער איבערגעבענער ארבייט אין דעם סטרייק.

לעצטע וואך האבען די מיטגלידער פון לאקאל 66 אפּגעהאלטען א מיטינג אין לייבאר טעמפּעל, און זיי האבען בא־שלאסען, דאס די ארבייטער פון די שע־פּער, וואס זיינען שוין פריהער איינציג־ווייז געסעטעלט געווארען, זאלען צאה־לען 10 פּראצענט פון זייערע ווייזדזשעס

(שלוס אויף זייט 16)

קלאוקמאכער אין באלטימאר גרייטען זיך צו א גענעראל סטרייק

אויך דער לידיס טיילארס לאקאל לעבט אויף.

וויס-פּרעזידענט סאל. זיידמאן איז מיט א וואך צוריק געווען אין באלטימאר, און ער האט געבראכט פון דארט גוטע נייעס.

די קלאוקמאכער אין באלטימאר הא־בען מיט א קורצע צייט צוריק באשלאסען צו מאכען א גענעראל „סטאפּעדזש", צו פארטרייבען פון טרייד די „קארפּאריי־שאן" שאפּקעס. דאס האט זיך אבער ארויסגעוויזען צו זיין ניט פּראקטיש פאר באלטימאר. די אומשטענדען דארטען זיינען אזעלכע, אז איצטער מאכען א סטאפּעדזש וואלט נישט געטויגט, וואלט די ארבייטער קיין נוצען ניט געבראכט, און די פראגע איז געווארען „רעקאנסי־דערט".

די געשיכטע איז אזוי:

די קלאוקמאכער אין באלטימאר הא־בען אן אגרימענט מיט די מאנופעקטשו־רער ביז דעם קומענדען מאנאט יאנואר. איז באשלאסען געווארען, דאס איידער צו רופען איצט א „סטאפּעדזש" זאל מען בע־סער זיך נעמען גרייטען פאר א גענעראל סטרייק, וואס די יוניאן וועט אפשר מו־זען רופען אין יאנואר, אויב די באלעבא־טים זאלען ניט וועלען באנייען דעם טרייד־אגרימענט. דיזען באשלוס האט די יו־ניאן געפאסט מיט א וואך צוריק אויף א מיטינג פון קלאוקמאכער, וועלכען וויס־פּרעזידענט זיידמאן האט אדרעסירט.

לויט דעם באשלוס פון דעם דערמאנ־טען מיטינג, וועלען, אלזא, די באלטימאר

(שלוס אויף זייט 16)

אונזערע יוניטי סענטערס עפענען זיך מאנטאג דעם 11טען סעפטעמבער

די יוניטי סענטערס פון אונזער עדיו־קיישאנאל דעפּארטמענט, אין אלע גע־גענדען פון גרויס ניו יארק, עפענען זיך מאנטאג אווענט, דעם 11טען סעפּטעמ־בער. פאר רעדזשיסטריישאנס האבען די סענטערס זיך געעפענט מיט א וואך פריהער, דעם 6טען סעפּטעמבער, און דורך דער צייט האבען זיך שוין איינגע־שטעלט מאנכע פון די קלאסען, וועלכע עפענען זיך מאנטאג דעם 11טען סעפּ־טעמבער.

אין די קלאסען דעם קומענדען סיזאן וועט מען לערנען ענגליש אין אלע פא־זען, פון ענגליש פאר אנפאנגער ביז היי־סקול ענגליש, און די מיטגלידער פון אלע אונזערע לאקאלס זאלען ניט פארפעלען זיך צו באטייליגען אין די קלאסען, צו פארבע־סערען זייער קענטשאפט פון דער ענגלי־שער שפּראך. דאס וועט זיי געוויס גאנץ גוט צוניץ קומען.

עס וועלען אויך זיין קלאסען פאר סי־וויקס, עקאנאמיקס, אריטמעטיק, ליטע־ראטור, געשיכטע, פּסיכאלאגיע, און אזוי ווייטער.

מיר מאכען באזונדערס אויפמערק־זאם אויף די קלאסען איבער טרייד-יו־ניאניזם און די געשיכטע פון דער אר־בייטער-באוועגונג. מען וועט לערנען די געשיכטע פון דער ארבייטער-באוועגונג אין אמעריקע און פון דער גאנצער וועלט. אין דעם שטודיום וועט איהר זיך באקע־נען מיט'ן כאראקטער פון די ארבייטער־קאמפּפען איבער דער וועלט, אין די פאר־שיידענע פעריאדען פון דער אינדוסטרי־עלער ענטוויקלונג פון דער קאפּיטאליס־טישער געזעלשאפט. פאר די שילער וועט דאן קלאר ווערען די ראלע וואס דער טרייד-יוניאניזם האט געשפּילט אין דער ענטוויקלונג פון דער היינטיגער געזעל־שאפט.

אלזא, די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס, וואס ווילען עפּעס לערנען און באַרייכערען זייער וויסען אויף אירגענד וועלכען געביט פון דער וויסענשאפט, זא־לען ניט פארפעהלען זיך גלייך איינצו־שרייבען אין די קלאסען. זאלען זיי אנ־פאנגען פון סאמע אנפאנג, גלייך ווי די קלאסען עפענען זיך, גלייך ווי די קלאסען פארמירען זיך. מען קאן זיך איינשריי־בען אין די קלאסען אין די לאקאל אפּי־סעס פון אלע אונזערע לאקאלס אין גרויס ניו יארק און אין אפּיס פון עדיוקיישא־נאל דעפּארטמענט, 3 וועסט 16טע סט., ניו יארק.

אויף א צווייטען ארט וועלען די לע־זער געפינען די אדרעסען פון די אלע אכט אינטערנעשאנאל יוניטי סענטערס, וואו מען קאן זיך איינשרייבען און לערנען.

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 36

זייט 2. די וואך — נ. ש.
זייט 3. אין דער ריפערמאכער יוניאן לאקאל 17 — רוש העלער. צו די ארבייטער פון אלע לענדער.
זייט 4. צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ. עדיוקיישאנאל נאטיצען.
זייט 5. דער סכסוך ביים דזשאינט באארד פון שיקאגא — מ. ז. די קאנווענשאן פון דעם פיפּעלס רעליף אין פילאדעלפיע.
זייט 6. רעזולטאט פון ארבייטער רינג קאנווענ־שאן רעפערענדום.
זייט 7. ביים טעלעפאן (ערצעהלונג.) — אל. גוריה. פארשיידענעס.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. א ערנסטער מאמענט אין דער אמער־יקאנער ארבייטער־געשיכטע — ב. מיימאן. לידער — מ. פערעלמוטער.
זייט 10. יונגע ריכטער — שאול ראסקין. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע — א סטעף רעפּארטער. אויסעוויינינג — אברהם רייזען.
זייט 12. ווי צו זיין געזונט — דר. ב. דובאוו־סקי. קורצע שמועסען.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14 און 15 — ערווערטיזמענטס.
זייט 16 שלוסען פון זייט 1.

נאך א זיג פון די וועיסט און דרעסמאכער יוניאן

(שלוס פון זייט 1)

ווי ברודער י. האכמאן, דער דזשענע־ראל מענעדזשער פון די וועיסט און דרעס־מאכער יוניאן גיט אונז איבער, איז מיט דער פירמע געמאכט געווארען דער זעל־ביגער סעטלמענט ווי מיט דער פירמע דארפמאן און וויזען. אויך די פירמע האט באצאהלט טויזענט דאלאר שטראף פאר ברעכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן, און האט געגעבען פינף טויזענט דאלאר סעקיורימי, אז זי וועט ווייטער נאכקומען אלע פונקטען פון דעם יוניאן אגרימענט.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז מיט דעם סעטלמענט האט די וועיסט און דרעס־מאכער יוניאן צו פארצייכענען א צוויי־טען זיג, אין דעם ארגאניזאציאנס־קאמ־פיין וואס די יוניאן האט לעצטענס אויף דאס ניי אנגעפאנגען. דאס וועט געבען דער יוניאן פרישען מוט ווייטער אנצוגעהן מיט דער ארבייט, — צו דיסציפלינירען נאך אנדערע פירמען, וואס היטען ניט אפ דעם אגרימענט מיט דער יוניאן.

דער סטרייק פון די באנאנו־עמבראידערי ארבייטער.

דער סטרייק פון די באנאנו עמבראי־דערי ארבייטער שטעהט אויסגעצייכענט. ארום 85 שעפער האבען שוין געסעטעלט מיט דער יוניאן. די ציפער האבען מיר בעקומען אין אנפאנג וואך און איצטער האבען שוין אודאי מעהר שעפער געסע־טעלט.

די עמבראידערי מאנופעקטשורערס אסס'ן האלט זיך נאך רעזערוויל, און זי פארמעסט זיך צו געבען דער יוניאן א שטארקען פייט. אבער די יוניאן האט עס ערווארטעט, דאס איז ניט פאר איהר קיין איבעראשונג. די אסס'ן האט שוין לאנג צוריק געוואלט פטור ווערען פון דער יו־ניאן, נאר דאס ווענדט זיך ניט אינגאנצען אן איהר. די יוניאן האט אויך עפעס צו זאגען און די אסס'ן באסעס וועלען זיך מוזען צוהערען וואס די יוניאן זאגט. און די יוניאן זאגט, דאס זי וועט קעמפען גע־גען דער אסס'ן אזוי לאנג דאס ענטוועי־דער זי וועט נאכגעבען די גערעכטע פאדע־רונגען פון די ארבייטער, אדער די אסס'ן וועט געבראכען ווערען און די מאנופעק־טשורערס וועלען סעטלען מיט דער יוניאן איינצינווייז.

אין נאמען פון די עמבראידערי סטריי־קער אפעלירען מיר צו אלע וועיסט און דרעסמאכער אויפצופאסען, אז די עמב־ראידערים, וואס ווערט באנוצט אין זייע־רע שעפער זאל זיין געמאכט אין יוניאן שעפער.

וואהלען אין לאקאל 22.

אין דרעסמאכער לאק. 22 וועט דאנער־שטאג פארקומען וואהלען פאר דעלעגא־טען צום דזשאינט באארד און עס זיינען דא א היבשע ביסעל בעלנים וואס ווילען ערוויילט ווערען, ווי מען קאן עס זעהן פון דעם לאנגען צעטעל מיט די נאמיניר־טע קאנדידאטען וואס די יוניאן האט לעצטע וואך פארעפענטליכט.

שבת, דעם 23טען אויגוסט, האט גע־מיט די אבדזשעקשאן קאמיטע פון דעם לאקאל. פאר דער קאמיטע האבען גע־דארפט ערשיינען אלע נאמינירטע קאנדי־דאטען. ווען ניט ווערען זיי ניט ארויס־געשטעלט אויפ'ן באלאט.

לויט א באשלוס פון דעם עקזעקוטיוו באארד דארפען די וואהלען פארקומען דורך א באלאט, אויף דעם מעמבער מיטינג וואס וועט פארקומען דאנערשטאג אווענט דעם 31טען אויגוסט אין בעטהאווען האל.

יוניאן קלאגט א פירמע פאר שאדענערזאץ.

דער דזשאינט באארד פון די דרעס און וועיסט מייקערס יוניאן האט אנגע־קלאגט אין קאורט די קארראנעק קאסטיום קאמפאני, פון 39 וועסט 32טע סטריט, פאר ברעכען געוויסע פונקטען פון דעם יוניאן אגרימענט, וואס די פירמע האט געשלאסען מיט דער יוניאן דעם 7טען פעברואר, 1921. די יוניאן קלאגט איצט דער פירמע אויף 50 טויזענט דאלאר שא־דענערזאץ.

די קייס איז שוין, דורכ'ן לאיער פאר דער יוניאן, אריינגעגעבען געווארען אין קאורט. דער דזשאינט באארד וויל צייגען דער פירמע, און אויך אנדערע פירמען, אז א יוניאן אגרימענט איז נישט קיין הפקר־זאך, דאס א יוניאן אגרימענט דארף אויך אפגעהיט ווערען.

שאפ טשערליים פון די וועיסט און דרעס שעפער שטימען פאר וואך־ארבייט און פאר א 20 דאלער טעקס.

לעצטען דאנערשטאג אווענט איז אפגעהאלטען געווארען דער ערשטער שאפ טשערמאן מיטינג פון די וועיסט און דרעסמאכער יוניאן.

דער מיטינג איז געווען זעהר גוט באזוכט, און די פראגע פון טרייד איז ערנסט און אלזייטיג דיסקוטירט געווא־רען.

עס האט גערעדט מענעדזשער האכ־מאן וועגען דער לאגע אין טרייד, וועגען די לעצטע סטרייקס און וועגען די רע־קאמענדאציעס פון דזשאינט באארד צום שאפ־טשערמאן מיטינג.

איצט איז אויפ'ן טאגעס־ארדנונג די פאדערונג איינצופיהרען וואך־ארבייט. דאס איז די ברענענדע פאדערונג פון דער שעה.

עס האט זיך געהאנדעלט וועגען די נייע פאדערונגען צום נייעם אגרימענט. און נאך פילע דעבאטען איז איינשטי־מיג, בלויז מיט דריי שטימען דאגע־גען, באשלאסען געווארען צו פאדערען אין דער גאנצער אינדוסטריע וואך־ארבייט אנשטאט שטיק־ארבייט. עס איז אויך באשפראכען געווארען וועגען פלענער ווי אזוי עס דורכצופיהרען.

דיזער באשלוס איז אין איינקלאנג מיט דעם באשלוס פון דער לעצטער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל. די קאנווענשאן האט געפאסט א בא־שלוס צו פאדערען וואך ארבייט אין דער דרעס און וועיסט אינדוסטריע. די דזשענעראל־עקזעקוטיווע פון דער אינ־טערנעשאנאל האט שוין אויסגעארבייט פלענער דערצו, און איצט איז עס בא־שטעטיגט געווארען פון די שאפ־טשער־ליים פון דיזער אינדוסטריע. דער ביז־העריגער יוניאן־אגרימענט ענדיגט זיך דעם 1טען פעברואר 1923, און די מעמבערשיפ דארף זיין גרייט, אז עס וועט קומען צו באנייען דעם אגרימענט, זאל איינגעפיהרט ווערען וואך־ארבייט אין דער אינדוסטריע.

כדי די יוניאן זאל זיין גרייט ארויס־צורופען א גענעראל סטרייק פאר וואך־ארבייט, איז נויטיג געלט. דאס דאר־פען די מיטגלידער צושטעלען. און די רעקאמענדאציע פון דזשאינט באארד איז, דאס די מיטגלידער דארפען זיך טעקסען מיט צוואנציג דאלאר, צעהן דא־לאר אויסצאהלען ביז סוף יאהר און צעהן דאלאר מיט זעקס חדשים שפע־טער. דאס וועט שאפען פאר דער יו־ניאן א פאנד פון א האלבען מיליאן דא־לאר און וועט מעגליך מאכען ערפאלג־רייך אנצופיהרען דעם קאמף פאר וואך־ארבייט.

דער פארשלאג איז פון די טשער־ליים אנגענומען געווארען כמעט איינ־שטימיג. עס איז פארגעקומען א ברײ־טע דיסקוסיע וועגען דער פראגע, און פארשיידענע מיינונגען זיינען אויסגע־שפראכען געווארען. ווען מען איז אי־בערגעגאנגען צום שטימען, זיינען גע־ווען בלויז דריי שטימען נעגען, — די גרויסע צאהל טשערליים האבען דעם 20־דאלאר טעקס אנגענומען.

דער מיטינג פון די טשערליים האט אויך גוטגעהייסען די פאליסי, וואס די יוניאן האט איצט אנגענומען, צו זעהן, אז דער אגרימענט אין טריידזאל פון די פירמען אפגעהיט ווערען. עס איז גוט־געהייסען געווארען די איצטיגע פא־ליסי פון דער יוניאן, צו רופען סטרייקס אין די שעפער, וואו דער אגרימענט ווערט ניט אפגעהיט, צו צווינגען די בעלי־בתים אויסצופאלגען דעם אגרימענט וואס זיי האבען געמאכט מיט דער יו־ניאן. דער מיטינג האט זיך אויסגע־שפראכען, דאס די יוניאן זאל ווייטער אנגעהן מיט דער ארבייט, און די יו־ניאן וועט עס געווים טאן. דאס וועט זיין א גוטער לעסאן פאר די וועיסט און דרעס־מאנופעקטשורער זיי זאלען אפהיטען דעם אגרימענט מיט דער יו־ניאן.

סטודענטען אויפמערקזאם.

די סטודענטען פון אונזערע יוניטי סענטערס און פון ארבייטער אוני־ווערזיטעט, וועלכע האבען געביטען זייערע וואוינונגען, זיינען געבעטען צו שיקען זייער נייעם אדרעס אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארט־מענט, 3 וועסט 16טע סט., ניו יארק.

דר. דזשארדזש מ. פרייס צוריק אין דער היים

דר. דזשארדזש מ. פרייס, דער דירעק־טאר פון „יוניאן העלטה סענטער", און פון דעם „דזשאינט באארד אוו סאניטא־רי קאנטראל", האט זיך לעצטע וואך צו־ריקגעקערט פון זיין רייזע אין איירופא.

דר. פרייס האט באזוכט פראנקרייך, די שווייץ, טשעכא־סלאוואקיע און דייטשלאנד, און האט געמאכט א שטו־דיום פון די געזונדהייטס־צושטאנדען, „פעקטארי אינספעקשאן" און די סאני־טארי צושטענדע בכלל.

פאר זיין אפפאהרען האט דר. פרייס באקומען א מאנדאט פון די יונייטעד סטייטס דעפארטמענט אוו לייבאר, „צו מאכען א ספעציעלע אונטערזוכונג אין איירופא, וועגען דעם אינדוסטריעלען צו־שטאנד אין יענע לענדער. איבעריגענס, מיט זיין מיסיע פון דער רייזע זיינען די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" שוין טייל־ווייז באקאנט, דורך די ספעציעלע קא־רעספאנדענציעס וואס ער האט אונז צו־געשיקט פון ווען.

דר. פרייס האט פון איירופא אויך געבראכט נייע אידעעס און נייע אפארא־טען צו פארבעסערען די אלע קליניקס אין יוניאן העלטה סענטער, וואס וועט זיין פון גרויס נוצען פאר אונזערע מיטגלידער.

וועיסט און דרעסמאכער

אויפמערקזאם!

מאנטאג, דעם 4טען סעפטעמבער

איז

לייבאר דעי

א געזעצליכער יום־טוב

קיין מיטגליד פון די לאקאלס וואס שטעלען צוזאמען דעם וועיסט און דרעס מאכער דזשאינט באארד, זאלען יענעם טאג ניט ארבייטען.

לויט אונזער אגרימענט מיט די מאנופעק־טשורער דארפען אלע וואך־ארבייטער קריגען פאר דעם טאג באצאלט.

דזשאינט באארד וועיסט און דרעס־מאכער יוניאן

י. האכמאן, דזשענעראל מענעדזשער.
מ. ק. מאקאפ, סעק.־טרעזשורער.

קלאוק אפערייטארס!

מיר האבען יעצט דורכגעמאכט א שווערען קאמף צו פארמינדערען א גרויסע צאהל פון די סקעב און קארפא־ריישאן שעפער.

עס איז אונז געלונגען אפצושאפען א גרויסע צאהל פון זיי און די ארבייטער זיינען באזעצט געווארען אין גרעסערע און מעהר לעדזשיטימיים שעפער.

עס זיינען נאך אבער פארבליבען א צאהל אפערייטארס וואס האבען ביז יעצט ניט געפונען קיין פלאץ צו דער ארבייט.

מיר אפעלירען דארום צו אייך, מעמבערס פון לאקאל 1, העלפט צו מאכען דעם רעארגאניזיישאן פאר אן ערפאלג.

נעהמט ארויף אזוי פיל אפערייטארס צו אייך אין שאפ ווי נאר מעגליך. אויב די יוניאן שיקט ארויף בעלי־מלאכות צו אייך אין שאפ, זעהט אז זיי זאלען דארטען בלייבען זיצען.

ברידער, ס'איז אין אייערע אינטערעסען אפצושאפען די ארבייטסלאזע ארמיי אום די זעלבע מעמבערס זאלען ניט זיין געצוואונגען צו ארבייטען אין די נעסטען וואס רופען זיך קלאוק שעפער מיט וועלכע די יוניאן האט זיך אנטזאגט צו סעטלען.

עקזעקוטיוו באארד, לאס. 1

א. ל. ג. וו. י.

ב. קאפלאן, טשערמאן. ב. שעהן, מענעדזשער־סעקרעטער.

אין דער היפער מאכער יוניאן לאקאל 17

פון דזש. העלער.

מיר האבען שוין פאר א לאנגע צייט ניט געשריבען. מיר גלויבען, אז פילע האבען געוויס א ביסעל פרייער אפגערוהען; אויך זיכער, אז אנדערע ווידער, א ביסעל האבען א ביסעל פרייער אפגעעטעמט. נאר, איהר וויסט דאך, אין צייט פון מלחמה איז שווייגען א סך בעסער ווי ריידען. יעצט, ווי עס ווייזט אויס, האט זיך די מלחמה באלד געענדיגט, און מען מעג שוין ווייטער מאן אלע זאכען. נו — שרייבען מיר ווייטער.

נאר מיינט ניט, אז אלעס איז שוין פאראיבער. עס דאכט זיך, אז אויב עס איז נאך פארבליבען א ביסעל האפנונג פאר די, וואס זיינען באשעפטיגט אין דער קלאוק־אינדוסטריע, ליגט די האפנונג אין די מעגליכע מיטלען, וואס די יוניאן וועט קענען אנווענדען אין דער צוקונפט.

ווייל — מיר דארפען זיך ני'ט נארען — אין צייט פון א גרויסען טומעל, אין פארלויף פון גענעראל סטרייק און סטאפעדזש, קענען בלויז אגרימענטס אונטערגעשריבען ווערען. מען שרייבט אגרימענטס און מען קריגט באדינגונגען אויפ'ן פאפיר. יעדער איינער פארשטעהט אבער, אז פון אן אגרימענט, ווי גוט ער זאל ניט זיין, קען מען קיין פארנונגה ניט ציהען. די הויפט־זאך ווענדעט זיך אין דער ד ו ר כ פ י ה ר ו נ ג פון דעם אגרימענט. איהר מעגט האבען דעם בעסטען אגרימענט, אויב ער ווערט ניט דורכגעפיהרט, האט דער אגרימענט קיין ווערט.

נאך מעהר, אן אגרימענט קען ניט אנטהאלטען אלעס. ווען מען זאל וועלען אויסשרייבען אלע מעגליכע באדינגונגען וואס מוזען געמאכט ווערען צווישען די ארבייטסגעבער, אום כדי די ארבייטער זאלען זיין מעהר אדער וועניגער באשיצט נעגען די באלעבאטים, וואלט מען געדארפט אנשרייבען א גאנצע מגילה. אן אגרימענט קען ניט ענטהאלטען מעהר ווי א ל ג ע מ י י נ ע פרינציפען און פונקטען, און די אלע פארהאנדלונגען אין דער צוקונפט שטיצען זיך אט אויף דיזע פונקטען. עס ווענדעט זיך דערפאר הויפטזעכליך אין דער א ו י ס ט י י ט ש ו נ ג פון דעם אגרימענט צו וויסען קלאר, וואס דער אגרימענט ענטהאלט.

די ארבייט פון דורכפיהרען די אגרימענטס און די ארבייט פון אויסטייטשען דעם אגרימענט — דאס איז די הויפט־ארבייט פון א יוניאן. מעג מען קריגען די בעסטע אגרימענטס — אויב זיי קענען ניט און ווערען ניט דורכגעפיהרט אין לעבען, דאן האבען זיי קיין ווערט ניט. מעג א יוניאן קריגען די בעסטע פונקטען אין אן אגרימענט, אויב אין די איינצעלנע פעלע, וואס קומען פאר, ווערען די פונקטען פון אגרימענט ניט גינסטיג אויסגעטייטשט, דאן פארלירען די אגרימענטס ביסלאכווייז זייער ווערט פאר די ארבייטער, אזוי אז אין פארלויף פון א געוויסער צייט קריגט דער אגרימענט גאר אן אנדער אויסזעהן, ביז די שטופע פון א נייעם סטרייק קומט אן און מען סטרייקט ווידער פאר די אלט־נייע פונקטען.

די יוניאן האט יעצט אנגעסיינט אגרימענטס — אן אגרימענט מיט דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, אן אגרימענט מיט דער אמעריקען אסאסיאיישאן, הונדערטער אגרימענטס מיט אינדעפענדענט באסעס, האט דורכגעפיהרט א דזשענעראל סטרייק און סטאפעדזש. אבער דאס איז אלעס נאך ניט. דער וואוילזיין פון די ארבייטער פון דער קלאוק־אינדוסטריע ליגט ניט אזוי פיל אין די פארגאנגענע אויפטואונגען פון דער יוניאן ווי אין דער צוקונפט. אזוי ווייט ווי די יוניאן וועט קענען דורכפיהרען די אגרימענטס, אזוי ווייט וועט די לאגע פון דעם ארבייטער פארבעסערט ווערען. און אין דער מאס, וואס די יוניאן וועט ניט קענען אריינטייטשען איהר ב ל י ק אין די אגרימענטס, וועלען דעם ארבייטער'ס פאזיציעס אפגעשוואכט ווערען.

פארשטעהענדיג דיזע פונקטען קלאר, האפען מיר, אז מיר וועלען ניט האבען קיין צופיל ענטוישטע. אויב עס האבען זיך געפונען פילע, וואס האבען געהאפט אלע זייערע האפנונגען אויף דעם סטאפעדזש, זאלען זיי זיך ריכטיג אריינטראכטען און זיי וועלען ניט זיין דיסאפאינטעד. דער סטאפעדזש האט אויפגעטאן דאס, וואס ער האט געקענט אויפטאן, און ניט מעהר. יעצט איז ערשט די צייט פאר ריכטיגע קאנסטרוקטיווע ארבייט. אבער וועגען דעם וועלען מיר ריידען ביי די רעגעלע מיטינגען פון אונזער לאקאל.

⁂

אונזער נעקסטער רעגעלער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען דיזען דאנערשטאג, דעם 7טען סעפטעמבער, אין 79 דעלענסי סטריט.

מיר בעטען אלע מעמבערס אנוועזענד צו זיין, ווייל דער מיטינג וועט זיין אן אינטערעסאנטער.

⁂

אין היינטיגע צייטען איז עס א גאנץ פרעהליכע ערשיינונג. מיר האבען שוין לאנג ניט געהערט פון באנקעטען פון שעפער און פון פרעזענטען צו שאפ־דעלעגאטען.

א שאפ־דעלעגאט, ווי עס ווייזט אויס, איז אזוי ווי א יוניאן באאמטער. אין גוטע צייטען טראגט מען איהם אויף די פלייצעס און אין שלעכטע צייטען איז ער דער ערגסטער אין דער וועלט. זעלטען ווען מען הערט יעצט וועגען אנערקענונג פאר א שאפ־דעלעגאט. אין דעם אלגעמיינעם שטורם פון שלעכטע צייטען, איז ער נעבאך פארטראגען און פארגעסען געווארען.

נאר פונדעסטוועגען זיינען אפילו היינט אויך פאראן מזל'דיגע. אזא מזל'דיגער איז ברודער קלאין, דער שאפ־טשערמאן פון קוירנער בראס. ער האט נעקראגען א רימעמבערענגע פין פון די ארבייטער פון זיין שאפ, פונקט ווי אין די אמאליגע גוטע צייטען.

לאז ער דאס טראגען געזונטערהייד.

אבער — ווער איז נעקסט? קומט, ברידער, מאכט עפעס פרעהליכער א'ן אונזער שטעטעל!

צו די ארבייטער פון אלע לענדער!*)

צום ערשטען מאל נאך דער מלחמה האבען די עקזעקוטיוו־קאמיטעטען פונ'ם אינטערנאציאנאלען געווערקשאפטס־בונד (אמסטערדאם), פונ'ם צווייטען אינטערנאציאנאל (לאנדאן) און פון דער ארבייטס־געמיינשאפט פון סאציאליסטישע פארטייען (ווין) אפגעהאלטען אין אמסטערדאם א בשותפות'דיגע בעראטונג וועגען דער איצטיגער פאליטישער און ווירטשאפטליכער סיטואציע פון אייראפא. אין א בשותפות'דיגען אויפרוף צו די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט, ווערט אנגעוויזען אויף די סכנות, וואס באדראהען דעם קיום פון דער דייטשער רעפובליק. די דייטשע ארבייטער ווערט אפגעגעבען א יישר כח פאר דעם געוואלדיגען פאסט, וועלכען זיי פיהרען אנטקעגען דער רעאקציע, און עס ווערט אויסגעדריקט די האפנונג, אז עס וועט זיך דער דייטשער דעמאקראטיע סוף כל סוף איינגעבען גובר צו זיין די מאנארכיסטישע און מיליטאריסטישע מאכינאציעס, וואס באדראהען דעם שלום פון דער וועלט.

אין דער זעלבער צייט ווערט אויסגעדריקט דאס פארטרויען, אז דאס דעמאקראטישע דייטשלאנד וועט ווידער אויפבויען די געביטען, וואס זיינען צושטערט געווארען דורך דער מלחמה. אייב דייטשלאנד וועט אבער בלייבען אפגעזונדערט, איז עס פאר'משפט צום אפשטארבען. זיין עלענד פארגרעסערט אויך דאס עלענד און די נויט ביי די ארבייטער פון די אנדערע פעלקער. ווען עס פאלט דער לוין פונ'ם דייטשען ארבייטער, דאן ווערען אויך פארערגערט די עקזיסטענץ־באדינגונגען פון די ארבייטער אין אלע לענדער. דער חורבן פון דייטשלאנד וואלט געווען דער ווירטשאפטליכער צוזאמענבראך פון אייראפא.

דער וועלט־פראלעטאריאט איז דערפאר פאראינטערעסירט צו ערמוטיגען און צו רעטען די דייטשע רעפובליק. דייטשלאנד קען נאר דאן דערפילען זיינע התחייבות'ען, ווען אינטערנאציאנאלע קרעדיטען וועלען מיטהעלפען ווידער אויפצובויען זיין ווירטשאפט. די פאליטיק פון דער אנטאנט טרייבט אבער דייטשלאנד צום באנקראט און ווארפט עס אין די ארעמס פון דער רעאקציע.

די קאנטריבוציעס זיינען צו גרויס. מיליטערישע אקופאציעס רואינירען דייטשלאנד, די פאליטיק פון געוואלט לוינט זיך באין אופן ניט און ניט נאר די מעגליכקייט פאר נייע מלחמות. זי שטיצט די דייטשע רעאקציע, שטערט דאס פארפעסטיגען זיך פון דער רעפובליק, פארגרעסערט דעם ווירטשאפטליכען תוהו ובוהו און טרייבט די מאסען צו פארצווייפעלטע אקציעס.

דייטשלאנד'ס חובות מוזען פארקלענערט ווערען. כדי דאס מעגליך צו מאכען, מוזען רעווידירט ווערען די אינטער־אליאירטע חובות. נאר אויף דעם אופן איז מעגליך דורכצופיהרען אן אינטערנאציאנאלע הלואה פאר'ן ווירטשאפטליכען ווידער־אויפבוי פון אייראפא.

כדי אט דעם צוועק צו דערגרייכען ווענדען זיך אלע דריי עקזעקוטיוועס צו דער עפענטליכער מיינונג פון אייראפא און בפרט פון אמעריקא. דאס אריינמישען זיך פון די פאראייניגטע שטאאטען אין דער מלחמה האט געהאט אן ענטשיידענדע באדייטונג. די קאנפערענץ דערווארט דעריבער פון אמעריקא, אז זי וועט מיטהעלפען פארפעסטיגען דעם וועלט־שלום, ווייל נאר דאן וועט די צושטערטע ווירטשאפט פון אייראפא, וואס פלאגט היינט אלע מיט ארבייטסלאזיגקייט און די אנדערע מיט הונגערנויט און עפידעמיעס, ווידער אויפגעבויט ווערען.

עס מוז אויפהערען דער סיסטעם פון מיליטערישע אקופאציעס. די מיליטערישע און ווירטשאפטליכע געוואלט־אקטען פון 1921 מוזען אפגעשאפט ווע-

(שלוס אויף זייט 16).

*) דעם אויפרוף האבען מיר בעקומען פון אויסלאנד, מיט א בקשה עס אפצודרוקען אין דער „גערעכטיגקייט“.—רעדאקציע.

ווען איהר זעהט א מאן רויכערענדיג א פאטימא, דאן זייט איהר זיכער, אז ער קריגט ארויס דעם גאנצען פארגעניגען, וואס א סיגארעט קאן געבען.

FATIMA
סיגארעטס

Liggett & Myers Tobacco Co.

מיינט, אז אונזער רעגירונג א'ז נאריש גענוג עס צו גלויבען, און זי געוואלט אפשרעקען פון אריינטרעטען אין פארהאנדלונגען מיט רוסלאנד.

די וואך

פון נ. ש.

די רעגירונג אלס א סטרייק־ברעכער.

צום ערשטען ווען די קוילען באראנען און אייזענבאהן מאגנאטען האבען גע־גרייבט, אז זיי וועלען העלפען ברעכען די סטרייקס, האט פרעזידענט הארדינג אנגענומען, אז די פאליסי פון דער רעגי־רונג איז ניטראליטעט. שפעטער, ווען עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די אר־בייטער האנען אזוי שנעל ניט באזיגט ווערען און די פרעסע האט אנגעהויבען טענה'ען, אז דער פרעזידענט טוט גאר ניט אין ציט פון קריזיס, אז ער ווייס ניט וואס צו טאן, אז ער איז שוואך און וואקעלדיג, האט זיך דער פרעזידענט פארוואנדעלט און געווארען א פארמיט־לער און פשרה־מאכער. ער האט פאר־געשלאגען צום ערשטען עטליכע פלענער צו סעטלען דעם קוילען־סטרייק. ווי זיי־נען אלע דורכגעפאלען. ער האט ארויס־געגעבען אן ארדער צו גראבען קוילען איג־נארירנדיג די סטרייקערס; ער האט אין אנדערע ווערטער, געפרובט ברעכען דעם סטרייק דורך א פראקלאמאציע צו די קוילען מאגנאטען צו עפענען די מיינס. דער ארדער האט געהאט דעם זעלבען כוח ווי זיינע פלענער. דער ארדער האט ניט געהאט קיין ווירקונג. דער קוילען סטרייק איז געסעטעלט געווארען, און די מיי־נערס זיינען ארויס זיגרייך.

עס איז אין דעם סטרייק פון די באהן שאפ־ארבייטער דאס די רעגירונג איז ארויסגעקומען אפען און אונפארשעמט, אלס געהארכזאמער פארטרעטער פון די ריאקציאנערסטע, יוניאן פרעסערישע עלעמענטען פון די אייזענבאהן מאגנאטען. פריהער, פארשטעהט זיך, האט דער פרע־זידענט, אין נאמען פון פובליקום פאר־געשלאגען א פלאן צו סעטלען דעם סטרייק. די קאמפאניעס האבען אבער דעם פלאן צוריקגעשליידערט, ווייל עס האט געלויטעט, אז די סטרייקערס זא־לען צוריקגענומען ווערען צו דער ארבייט מיט זייערע אלטע סעניאריטעט רעכטע. פלאן נומער צוויי האט געלויטעט אז די פראגע פון סעניאריטעט רעכטע זאל אי־בערגעגעבען ווערען צו דער סטרייק־ברע־כערישער אגענטור, די ריילראוד לייבאר באארד. די סטרייקער, פארשטעהט זיך, האבען צוריקגעוויזען דעם פלאן. די רע־גירונגס פלענער פאר אינדוסטריעלען פרידען זיינען געווארען די קאמישע זייט פון דעם קאמף. דער פרעזידענט און זיינע ראט־געבער האבען איינגעזעהן, אז די רעגירונג מוז אויפהערען איהרע זא־גענאנטע מאנעווערס לטובת דאס פובלי־קום און ארויס אפען און קלאר פאר איה־רע אמת'ע אינטערעסען. און די רעגי־רונג האט אראפגעווארפען דעם קאמו־פלאזש און האט גענומען דעם לאגישען שריט. אטארני דזשענעראל דאהערטי האט לעצטען פרייטאג, דעם 1טען סעפ־טעמבער, אפעלירט און געקראגען אן אינ־דזשאנקשאן געגען די סטרייקענדע באהן־שאפ־ארבייטער אין דעם דיסטריקט פע־דעראלען קאורט אין שיקאגא.

דער אינדזשאנקשאן איז א קריגס־ערקלעהרונג דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג. עס איבערשטייגט אפילו דעם טרויעריג בארימטען אינדזשאנק־שאן, וואס פאלמער פון דער ווילסאן־אדמיניסטראציע האט ארויסגענומען גע־גען די מיינערס אין 1919. דאהער־טי'ס אינדזשאנקשאן פארווערט פיה־רער פון די סטרייקער ארויסצוגעבען סטייטמענטס אין וועלכער עס איז פאר־מע צו די סטרייקער ארער צו דער פרע־סע; עס פארווערט צו פארטיילען סטרייק־בענעפיטס אויפצוהאלטען די פאמיליעס פון די סטרייקערס; עס פאר־ווערט די סטרייקער פון פיקעטען און צו „באליידיגען" די סקעבס. דער אינ־דזשאנקשאן איז ניט נאר געווענדעט גע־גען די סטרייקער, נאר אויך געגען זייערע פאמיליען. עס האט זיך איבערגעטראפען אין אכזריות און ברוטא־ליטעט. דאהערטי האט גוט געמוזט שטודירען די בלאקאדע־סיסטעם פון די עליים געגען רוסלאנד און דייטשלאנד, אום צו אנווענדען עס אויף די אמערי־קאנער ארבייטער.

אין 1919 האט די דעמאקראטישע ווילסאן־אדמיניסטראציע ארויסגענומען אן אינדזשאנקשאן געגען די מיינערס. אין 1922 האט די רעפובליקאנער אד־מיניסטראציע ארויסגענומען אן אינ־דזשאנקשאן געגען די אייזענבאהן־אר־בייטער. די שטעלונג פון ביידע הער־שענדע פארטייען איז קלאר.

דער קלאפ, וואס די רעגירונג האט געגעבען די ארבייטער, וועט געוויס הא־בען א באדייטענדע, אויב ניט קיין רע־וואלוציאנערע, ווירקונג אויף דעם פא־ליטישען אזוי גוט ווי אויף דעם עקא־נאמישען פעלד פון דער ארבייטער־בא־וועגונג. ווי שנעל די ארבייטער ווע־לען זיך אנשליסען אן א זעלבסטשטענ־דיגער ארבייטער־פארטיי אין ערוועהלען ארבייטער־פארטייער איז איצט ניט די פראגע. וואס איז פיל וויכטיגער אין דעם איצטיגען מאמענט איז: וואס פאר א שטעלונג די ארבייטער וועלען איננעהמען אונטער דעם דרוק פון דעם אינדזשאנקשאן.

די סטרייק־פיהרער האבען ערקלערט, אז דער סטרייק וועט אנגעהן ביז וואנען זייערע פאדערונגען וועלען נאכגעגעבען ווערען. זיי האבען פארדאמט דעם אינ־דזשאנקשאן און געראטען די ארבייטער אנצוגעהן מיט זייער סטרייק־טעטיגקייט. אבער אטוירני דזשענעראל דאהערטי האט שוין מאביליזירט אן ארמיי פון איבער פינף טויזענד מארשאלס, וועל־כע וועלען זעהן, אז דער אינדזשאנק־שאן זאל אפגעהיט ווערען. דאס מיינט אפשטעלען יעדער סטרייק־טעטיגקייט, פארווערען סטרייק־בענעפיטס צו די פאמיליעס פון די סטרייקערס; אין קור־צען — צו ברעכען דעם סטרייק.

וועט די גאנצע ארבייטער באוועגונג הילפלאז צוזעהן דעם אנגריף אויף די סטרייקער? פרעזידענט סעמיועל גאמ־פערס האט ערקלעהרט, אז אלע ארביי־טער זיינען מיט די סטרייקער. ער האט, פארשטעהט זיך, פארדאמט דעם אינ־דזשאנקשאן. אבער פינאנציעלע ארער אנדערע הילף פאר די סטרייקער א'ז פארוועהרט פון אינדזשאנקשאן. פרע־זידענט סעמיועל גאמפערס האט צוליב דעם צוזאק פאררופען א מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון דער אמעריקען פעדע־ריישאן אוו לייבאר פאר שבת, דעם 8טען סעפטעמבער. די פראגע, וועלכע שטעהט פאר דעם מיטינג, איז א גע־נעראל־סטרייק פון דער גאנצער ארגא־ניזירטער ארבייטער־באוועגונג אין לאנד. גאמפערס האט ערקלעהרט, אז ער איז פארווארפען געווארען פון טעלעגראמעס און בריף, וועלכע פאדערען אן אלגע־מיינעם סטרייק. די פארשיידענע טרייד־יוניאנס זעהען איין, אז דער איצטיגער קאמף איז א קאמף פאר לעבען און טויט פון טרייד־יוניאניזם אין אמעריקא.

אלע צייטונגען האבען אויפגעכאפט די נייעס וועגען דער מעגליכקייט פון א גענעראל סטרייק אין אמעריקא. די שורות ווערען געשריבען א וואך בעפאר דעם מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון דער א. פ. אוו ל., אבער מען קען כמעט מיט זיכערהייט פאראויסזאגען, אז קיין גענעראל סטרייק וועט ניט גערופען ווע־רען. עס איז פון אויסערגעוועהנליכער וויכטיגקייט דער פאקט אליין, אז די פראגע איז א'צט פאר דער א. פ. אוו ל. די באטראכטונג פון דער נויטווענ־דיגקייט פון, א גענעראל סטרייק איז אהן צווייפעל א באדייטענדע ערשיינונג אין דער אמעריקאנער באוועגונג. אויב די א. פ. אוו ל. וועט איצט באשליסען אז א גענעראל סטרייק איז ניט ראט־זאם, איז אבער גאר ניט זיכער צו די א'בעריגע אייזענבאהן־יוניאנס וועלען בלייבען שטעהן אן דער זייט און צוקו־קען ווי די רעגירונג און די קאמפאניס דערשטיקען דעם סטרייק. די וועג־אויפפאסערס, טעלעגראפיסטען און קלוירקס האבען גאר ניט געוואונען און זיי זיינען געבליבען שטעהן אין דער זייט און ווארטען אויף דער לייבאר באארד'ס ענטשיידונג, וואס איז קלאר אז דער סטרייק האט זיך ניט געענדיגט מיט דעם אינדזשאנקשאן.

הארטע קוילען מיינערס זיגרייך.

מיט צוויי וואכען נאך דעם ווי דער ווייכער קוילען סטרייק האט זיך גענ־דיגט מיט א זיג פאר די מיינערס, קומט דער זיג פון די הארטע קוילען מיינערס. דער פילאדעלפיא קאנפערענץ צווישען די מיינערס און אייגענטימער אין דער הארטער קוילען אינדוסטריע, וועלכע ווערט נאר פראדוצירט אין מזרח־פענ־סילווייניא, האט זיך אנגעפאנגען מיט צוויי וואכען צוריק, ווען די ווייכע קוי־לען־קאנפערענץ האט זיך ניט געקענט איינינען. די אייגענטימער האבען דורכ־אויס געפאדערט, אז די מיינערס זאלען איינשטימען צו ארביטריישאן. די מיי־נערס האבען צוריקגעוויזען די פאדע־רונג. דערווייל איז דער מאנגעל אין הארטע קוילען געווארען אזוי גרויס, אז די צוויי סענאטארען פון פענסילווייניא, דער גאווערנאר און דער פרעזידענט הא־בען זיך אריינגעמישט, און די אייגענ־טימער האבען זיך געבויגען צו די פאדע־רונגען פון די מיינערס. ניט דער פרע־זידענט און ניט דער גאווערנאר האט פאר די אייגענטימער געקענט עפעס טאן, אויסער ווי ראטען אנצונעמען די מיינער'ס פאדערונגען.

לעצטען זונטאג, דעם 3טען סעפ־טעמבער, האבען די מיינער און אייגענ־טימער פארמעל געענדיגט דעם סטרייק, וועלכער האט אנגעהאלטען פאר מעהר ווי פינף מאנאטען. מאנטאג, דעם 11טען סעפטעמבער, קעהרען זיך די מיי־נערס צוריק צו דער ארבייט. די פונק־טען פון דעם אגרימענט זיינען ווי פאלגט:

ערשטענס, זאל דער קאנטראקט, וואס איז געווען אין קראפט ביז דעם 31טען מארטש, 1922, אנהאלטען ביז אויגוסט דעם 31טען, 1923, ארער דעם 31טען מארטש, 1924.

צווייטענס, די פראדוקציאן פון קוי־לען זאל זיך ווייטער אנפאנגען.

דריטענס, קאנגרעס זאל שאפען א ספעציעלע הארטע קוילען קאמיסיע מ'ט פולער קראפט צו אונטערזוכען יעדען טייל פון דער אינדוסטריע.

פערטענס, אז די ווייטערדיגע אגרי־מענטס זאלען געשלאסען ווערען אין דער ליכט פון די באשליסע פון דער קאמיסיע.

די רעזאלוציע, וועלכע איז אנגענו־מען געווארען ביי די קוילען־אייגענטי־מער, גיבען אפען צו, אז זיי האבען אין דעם קאמף פארלארען. זיי האלטען נאך אלץ, אז עס וואלט גלייכער געווען ווען די מיינערס נעהמען אן קלענערע ווייד־זשעס, אבער אזוי ווי זיי ווילען עס ניט, און אזוי ווי קוילען מוז מען האבען, זיינען זיי געצוואונגען אונטערצוגעבען זיך. אין דער זעלבער צייט אבער הא־בען זיי געגעבען אנצוהערעניש, אז פרייזען וועלען געהעכערט ווערען. עס איז דערביי אינטערעסאנט צו באמערקען, אז זיי האבען כסדר געהאלטען אין ליארמען, אז זייער קאמף פאר שניידען די ווייידזשעס איז צוליב רעדוצירען די פרייזען פאר'ן פובליקום. איצט אבער, אז די ווייידזשעס וועלען בלייבען די זעלבע ווי פאר דעם סטרייק, האט דאך, דוכט זיך, דער פרייז אויך געדארפט בלייבען דער זעלבער. דאס האבען זיי אבער פארגעסען, און איצט, ווען דאס פובליקום נויטיגט זיך אזוי אין קוילען, וועלען זיי אויסנוצען זייער מאכט אין תיל צו קריגען אזוינע פראפיטען ווי מעגליך. די רעגירונג האט אפילו גע־סטראשעט און געמאכט פארשיידענע באוועגונגען צו קאנטראלירען פרייזען, אבער דאס זיינען נאר לעגענדעס, וועל־כע קיינער אויסער די נאאיווע גלויבען ניט. אויב די אייגענטימער האבען פארלארען אין ברעכען די יוניאן, האבען זיי אבער געוואונען אין פראפיטען.

שפייז־רייאטען אין דייטשלאנד.

געטריבען פון הונגער און נויט, הא־בען גרויסע מאסען מענער און פרויען א'ן און ארום בערלין באפאלען פאר־שיידענע שפייז־הייזער און פארנומען אלץ, וואס זיי האבען נאר געקענט — ברויט, פרוכט, פאטייטאס און אזוי ווי־טער. דאס האט ארויסגערופען א גרוי־סע אונרוה. סטארס האבען זיך פאר־מאכט. פאליציי און סאלדאטען זיינען ארויסגערופען געווארען. א שלאכט האט אויסגעבראכען, און פילע זיינען געפאלען פארוואונדעט און טויט.

די שפייז־רייאטען זיינען באטראכט געווארען אלס דער אנפאנג פון א שרעק־ליכען ווינטער אין דייטשלאנד. די עלייד רעפערייישאן קאמיסיע האט אפילו איינ־געוויליגט אפצולייגען די דייטשע צאה־לונגען אויף זעקס מאנאטען. דאך איז די לאגע אויף קיין פאל ניט בעסער גע־ווארען. דער מארק האלט אין איין פא־לען, און דער פארקעהר פון האנדעל געהט אן מיט גרויס אונזיכערהייט. די בענק האבען איצט ניט קיין פארטיג געלד. די איינציגע זאך, וואס זיי קע־נען טאן, איז צו געבען טשעקס.

די איצטיגע ווירטה־רעגירונג ווערט אלץ ווייניגער פאפולער. אין דער אוי־סערליכער פאליטיק איז די רעגירונג שוואך און כאראקטערלאז. יעדע נייע נאטע און פאדערונג פון די עליים נעהמט זי אן, נאך א ביסעל פראטעסטירען. אין באצוג צו דער אינערליכער לאגע אין לאנד איז די רעגירונג פונקט אזוי שוואך און וואקעלדיג. דער מארק האלט אין איין פאלען. די עקאנאמישע לאגע ווערט אלץ מעהר כאאטישער און הא־פנונגסלאז. הונגער און קעלט ערווא־רטען די באפעלקערונג דעם קומענדען ווינטער.

די אפאזיציע צו דער איצטיגער רע־גירונג איז אלגעמיין. די קאמוניסטען זיינען געגען, אבער זיי זיינען איצט צו שוואך צו נעהמען קאנטראל איבער דייטשלאנד. די מאנארכיסטען שטשי־רען צייהנער און זיי האבען שוין גע־מאכט עטליכע פארזוכען צו שטירצען די רעגירונג, אבער זיי זיינען ניט פאר־פולער. די אפאזיציע, וועלכע ווייזט אויס צו זיין מעכטיג און געפעהרליך, איז די גרופע פון אינדוסטריאליסטען, מיט הוגא סטינעס אלס פ'הרער. הוגא סטינעס ווערט פארעכנעט אלס דער אינדוסטריעלער קייזער פון דייטשלאנד. עס איז ניטא קיין אינדוסטריע ארער געשעפט, וואס ער זאל ניט קאנטרא־לירען. די איינפלוסרייכסטע צייטונגען באלאנגען צו דעם מאגנאט. עס איז קיין סוד ניט, אז ער איז ארויס צו שטירצען די איצטיגע רעג'רונג און שא־פען אן אנדערע, וועלכע זאל טאן דאס, וואס סטינעס הייסט. מען זאגט אפילו, אז הוגא סטינעס איז ניט קיין איבער־ריגער פריינד צו דער רעפובליקאנער פארמע פון רעגירונג. עס איז שוין מעהרערע מאל ארויסגעבראכט געווא־רען, אז די מאנארכיסטען און די אינ־דוסטריעלע גרופע, געפיהרט פון סטי־נעס, געהען האנד אין האנד. די איצ־טיגע אטאקע, וואס די סטינעס־גרופע פיהרט אן געגען דער ווירטה־רעגירונג איז געשטיצט פון די מאנארכיסטען, דערווייל אבער, ווייזט אויס, וועלען די מאנארכיסטען שטעהן פון דער ווייטען ווייל זייער אפענע שטיצע וואלט ביי דער איצטיגער צייט געבראכט פיל שא־דען צו דער סט'נעס־באוועגונג. די לעצ־טע באריכטען מעלדען, אז די סטינעס גרופע זוכט א „פארשטענדניס" מיט אנ־דערע אינדוסטריעלע גרופען, ווי, צום ביישפיל, די אלגעמיינע עלעקטרישע קאמפאניע, וועלכע איז געפיהרט געווארען פון דעם ערמארדעטען וואלטער ראטע־נוי. זיי זוכען אפילו אריינצוציהען די ארבייטער־ארגאניזאציעס אין זייער באוועגונג.

אמעריקאניש־רוסישע באציהונגען ווייטער אויפ'ן טאגעס־ארדנונג.

דער סטייט דעפארטמענט אין וואשינגטאן האט מיט א וואך צוריק ארויסגעגעבען א סטייטמענט, וועלכער גי צו, אז פארהאנדלונגען צווישען דע אמעריקאנער און סאוועט רעגירונ געהען אן. עס פארשטעהט זיך, אז פראגע פון אנערקענונג איז נים ד באנט געווארען. דערווייל וויל די אמ ריקאנער רעגירונג וויסען צו רוסלא וועט אריינלאזען אן אמעריקאנער מיסיע צו אונטערזוכען די עקאנאמ און פאליטישע לאגע אין רוסלאנד.

די פארהאנדלונגען זיינען פארגע מען צווישען דעם אמעריקאנער אמב סאדאר אין דייטשלאנד האוטאן טשיטשערין און קראסין. די רוסי רעגירונג האט ערקלעהרט, אז זי בארייט אריינצולאזען אזא קאמיס א'ן רוסלאנד, נאר אין דער זעלבער וויל זי אויך שיקען א רוסישע קאמיס אין אמעריקא צו אונטערזוכען די ע נאמישע און פינאנציעלע לאגע רוסלאנד האלט, אז איהר ביטע איז גערעכטע. אבער די איצטיגע וואשי טאנער אדמיניסטראציע פיהלט זיך ליידיגט, אז די באלשעוויקעס זא האבען די העזה צו וועלען שיקען שעוויקעס אונטערזוכען אזא כש מדינה ווי אמעריקע. און, ווי עס ווי אויס, וועט אויך דער פלאן געהן נישט. מאנכע גוטע אמעריקאנער צווי לען אפילו צו דער אונטערזוכונגס־ איז א קלוגער. קאמיסיעס אהן א זיינען שוין געשיקט געווארען אין לאנד, און מען גלויבט, אז סעקרעט הואווער'ס רעליף ארגאניזאציע אין לאנד האט גענוג פאקטען, וועלכע טען געקענט דינען אלס באזיס ווייטערדיגע פארשטענדניסע.

דעם זעלבען טאג, ווען סעקרעט יוהז האט געמאכט זיין ערקלעה האט שוין די „ניו יארק טיימז" נען א מעשה פון א רעוואלוציע די באלשעוויקעס, וועלכע האט אוי בראכען אין גאנץ זיד רוסלאנד. האפנונגען, אז אט־אט פאלט די ס טען־מאכט, האט ווייטער אויפגעוו נאר אויף א ווייל. וואש'נגטאן ניט געגלויבט, אז די רעוואלוציע־מ זיינען אמת'ע. מען האט געלאכט די הויפענס אין אנדערע נייעס־ טערס. עס איז צווייפעלהאפט צ שרייבער פון די „נייעס" האבען אליין געגלויבט, אבער זיי האבען

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IV, No. 36. — New York, Friday, September 8, 1922.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

דער סכסוך אין דזשאינט באארד פון שיקאגא

(וויס-פרעזידענט נינפא גיט ארויס זיין אורטייל.)

אן אמת'ער ארביטער געריכט איז געווען דער פארהער פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד מיט וויס-פרעזידענט נינפא אלס ריכטער.

דער פארהער האט זיך געעפענט אין מאריסאן האטעל, פארלאר „בי", האלב פאר פינף אזייגער, דאנערשטאג און האט אנגעהאלטען ביז פאר 12 אוהר, ווען ערשטער וויס-פרעזידענט נינפא האט ארויסגעגעבען זיין אורטייל אויף וועלכען אלע אנוועזענדע האבען געווארט מיט אונגעדולד.

בר. נינפא האט געעפענט דעם מיטינג אהן לאנגע פארריידעס, בלויז ערקלערענדיג, אז דער דזשענ. עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען אויסצושליסען לאקאל 100 און לאקאל 54 פון דער דזשאינט באארד, אבער ער איז געשיקט געווארען אויפצונעהמען די טענות פון ביידע זייטען און צו באשטימען אויב די לאקאלס זאלען בלייבען אין דער דזשאינט באארד.

בר. נינפא האט צוערשט גערופען די קאמיטעס פון די צוויי לאקאלס, וועמען מען האט באשלאסען אויסצושליסען, זיי זאלען ערקלערען און אנווייזען ווארום מען דארף זיי ניט אויסשליסען.

רעלעגאט ראפאפארט פון לאקאל 54 האט אין א לאנגע רעדע אנגעוויזען אז עס איז ניטא קיין אורזאכע ווארום מען זאל דעם לאקאל אויסשליסען. ער ערקלערט אז עס וועט טאן שאדען די יוניאן וועלכע ער רעפרעזענטירט. ער טענה'ט, אז זיין יוניאן ווייס ניט פון קיין זאך וואס זאל זיין אן אורזאכע ווארום מען זאל אויסשליסען זיין לאקאל און ער אפעלירט צום טשערמאן ער זאל באשטימען ניט דורכצופיהרען דעם באשלוס פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. אין זעלבען זינען האט גערעדט רעלעגאט פיינבערג.

פאר לאקאל 100 דרעס און סקוירטמאכער יוניאן רעדט רעבעקא האלאנד. זי גיט אן אויספירליכען איבערבליק איבער דעם צושטאנד פון דער קלאוק אינדוסטרי, איבער די אורזאכען ווארום דער לאקאל איז אריין אין דער דזשאינט באארד און צוגלידערט די לאגע פון דער אינדוסטריע איצט, אזוי אז זי באווייזט אז עס וועט ניט נאר זיין א שאדען פאר לאקאל 100, נאר די גאנצע קלאוק אינדוסטריע וועט ליידען אויב מען וועט אויסשליסען די דרעס-מאכער פון דער דזשאינט באארד.

מיסס האלאנד ציינט אן, אז די הויפט טענה פון דעם לאקאל באשטעהט אין דעם, וואס די רעלעגאטען שרייען אימער אין דער דזשאינט באארד, אז זיי ווילען מען זאל טאן ארגאניזיישאן ארבייט, און די רייכע לאקאלס 59 און 5 פלעגען ניט וועלען געבען קיין געלד. אויסער דעם איז ניטא קיין אורזאכע, ווארום מען זאל וועלען אויסשליסען דעם לאקאל. ספעציעל איצט, האט זי געזאגט, טאר מען ניט טאן אזא זאך, דערפאר וואס דער טרייד איז צו ענג פארבונדען מיט דער קלאוק־טרייד. די קלאוק מאנופעקטשורערס מאכען דרעסעס און סקוירטס, און די דרעס־מאנופעקטשורערס מאכען קאוטס און ראפס, און די אינדוסטריע איז אזוי פארבונדען, אז אלע וועלען ליידען, ווען מען וועט אפטיילען די דרעס-מאכער פון די קלאוק-מאכער.

אז שוועסטער האלאנד'ס לאגישע רעדע האט געמאכט א שטארקע ווירקונג אויף דעם פארזיצענדען, האט מען געזעהן און דעם אורטייל זיינעם און פון די ארגומענטען, וואס ער האט געגעבען פאר ניט אויסשליסען דעם לאקאל.

מיסס דארא ליפשיץ, פון זעלבען לאקאל, האט אונטערגעשטיצט מיסס האלאנד'ס ארגומענטען. נאכהער האט בר. נינפא געפרעגט די רעלעגאטען פון די אנדערע לאקאלס, וואס זיי האבען צו זאגען. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז לאקאל 5 און לאקאל 81, די אפערייטארס און קאטערס, זיינען פאר דעם, אז מען זאל די לאקאלס ניט אויסשליסען, און לאקאל 59 און 18 פינישערס און פרעסערס פאר דעם, אז מען זאל זיי יא אויסשליסען.

עס האבען גערעדט אין דער פראגע א גרויסע צאהל רעלעגאטען, און נאכ'ן פארהער האבען איינצעלנע מעמבערס געגעבען זייערע מיינונגען, און די ארגומענטען געגען אויסשליסען האבען זיך ארויסגעוויזען לויט בר. נינפא'ס מיינונג, צו זיין די ריכטיגע און לאגישע, ספעציעל פאר לאקאל 100.

די טענות פון די געגנער פון לאקאל 100 זיינען געווען, אז עס איז א באזונדער טרייד, און דערפאר דארף עס געהערען צו א באזונדער דזשאינט באארד. האבען אבער די, וואס זיינען געווען געגען אויסשליסען דעם לאקאל 100, ערקלערט, אז עס איז ניט קיין באזונדער טרייד, אז אפטמאל ארבייטען די קלאוקמאכער און דרעס-מאכער אין איין שאפ, ביי איין באס, אדער בלויז מיט א פארטישאן אפגעצאמט. מאנכע האבען געטענה'ט, אז עס איז א טרייד, וואס מען ארבייט שטיק-ארבייט, און קלאוקמאכער ארבייטען וואך-ארבייט. וויס-פרעזידענט נינפא האט ערקלערט, אז דאס איז קיין ארגומענט ניט. די לעצטע קאנווענשאן האט באשלאסען אנצופאנגען א קאמפיין איינצופיהרען וואך ארבייט אין דער דרעס און וויסט-אינדוסטריע.

יעדע טענה פון די, וואס האבען געוואלט מען זאל לאקאל 100 אויסשליסען, איז צוקלאפט געווארען פון לאגישע און פראקטישע ארגומענטען פון דער אנדערער זייט און פון בר. נינפא'ס רעסיזשאן.

אן אינטערעסאנטע און ווארימע רעדע פאר לאקאל 100, האט געהאלטען בר. ראי גלאסמאן, דער פרעזידענט פון קאטערס לאקאל 81, און טש. מאריס, פון זעלבען לאקאל. בר. גלאסמאן האט געשילדערט די לאגע פון די קאטערס און די נויטווענדיגקייט פון זיין פארבונדען מיט לאקאל 100 אין דער דזשאינט באארד, און האט אנגעוויזען, אז מען טאר ניט אפטיילען דיזען לאקאל, אויב מען וויל, אז די קאטערס זאלען פון דעם ניט ליידען, און פאלגליך די גאנצע טרייד.

די הויפט טענה פון אלע געגנער פון לאקאל 100 איז געווען, אז די אנוועזענהייט פון דעם לאקאל אין דער דזשאינט באארד מאכט אוממעגליך פאר דער באארד צו טאן ארבייט פאר די אנדערע לאקאלס. דאס איז באשטריטען געווארען פון פילע רעלעגאטען, און דער הויפט גשריי געגען לאקאל האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין, וואס די דרעס און וויסט טריידס זיינען ניט גוט ארגאניזירט און זיי פאדערען ארגאנייזערס און געלד, און עס האט זיך געפיהלט, אז עס עקזיסטירט א געוויסער ענאיזום, א זעלבסט-זיכטיגקייט ביי יענע גרויסע לאקאלס, וועלכע האבען געלד, אבער קענען ניט ארער ווילען ניט געבען צו ארגאניזירען א טרייד, וועלכע קען ניט ארגאניזירט ווערן מיט די איינגע כחות פון דער יוניאן פון דיזער טרייד.

נאך אלע רעדעס האט דער פארזיצענדער בר. נינפא געגעבען זיין ענטשיידונג ווי פאלגט:

„נאכדעם, ווי איך האב זיך צוגעהערט צו אלעמען, — האט בר. נינפא געזאגט, — „וויל איך אייך זאגען, אז מיין אורטייל וועט זיין פאר דעם בענעפיט פון אלע לאקאלס. די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וויל העלפען יעדער לאקאל מאראליש און פינאנציעל, צו זיי זיינען אנגעשלאסען אין דער דזשאינט באארד צו ניט.

אייערע סכסוכים דא זיינען א רעזולטאט פון פערזענליכען האס, און דאס האט געפיהרט דערצו, עס זאלען פארקומען רייסערייען. איך קען אייך זאגען, אז אייער אינטעליגענץ איז אויף דער זעלבער מדרגה ווי פון אלע אנדערע מעמבערס אונזערע, און אויב איהר וועט ווידמען אייער צייט, ענערגיע און אינטעליגענץ פאר אייער יוניאן, וועט איהר האבען די בעסטע און שטארקסטע ארגאניזאציאן.

איין זאך, וואס איהר מוזט האבען, איז טאלעראנץ. איהר מוזט עס האבען און מוזט עס פראקטיצירען. איהר פראקטיצירט עס ניט.

די טענה, אז דער לאקאל 100 האט געפאדערט „ארגאניזאציאנס ארבייט",— האט בר. נינפא געזאגט, — איז ניט קיין פארברעכען. איך בין אימער דערפאר, מען זאל פאדערען ארגאניזאציאנס-ארבייט.

עס איז אמת, אז נאך דער קאנסטיטושאן איז דרעס-מייקינג א באזונדער טרייד. מען מאכט אבער איצט דרעסעס און קלאוקס אין איין שאפ. דרעס-מאכער מאכען ווראפס און קאוטס און פארקערט דאס זעלבע. ווען מען האט געמאכט די רול, אז מען מוז האבען באזונדערע דזשאינט באארדס פאר די טריידס, האט מען ניט געקענט וויסען די ענדערונג, וואס וועט פארקומען אין דער אינדוסטריע.

לאקאל 100, הער איך פון דעם פארהער, איז צופרידען צו טרייען עקאנאמיזירען און האבען צוזאמען מיט דער דזשאינט באארד איין אפיס, און אויף אזא אופן שפארען געלד פאר דער ארגאניזאציאן.

פון אלעם צוזאמענגענומען בין איך מיט דער מיינונג, אז לאקאל 100 דארף בלייבען אין דער דזשאינט באארד און אזוי באשלים איך".

מיט לאקאל 59, רייניקאוט מאכער, האט בר. נינפא ניט פארנומען קיין סך צייט. ער האט ערקלערט, אז די רייניקאוט-מאכער האבען אלס א טרייד קיין שייכות ניט מיט דער דזשאינט באארד, און ער האט גערולט אז זיי זיינען אויסגעשלאסען.

בר. נינפא האט פאר דעם פארהער געשטעלט א פראגע צו אלע לאקאלס, אויב זיי וועלען דורכפיהרען זיין אורטייל, אפגעזעהן פון דעם וואס עס זאל ניט זיין, פאר ארער געגען זיי.

אלע רעלעגאטען פון אלע לאקאלס האבען זיך פארפליכטעט, אין נאמען פון דער יוניאן, צו פאלגען דעם אורטייל און ארבייטען הארמאניש פאר דעם וואהלזיין פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל.

ווען בר. נינפא האט ארויסגעגעבען זיין אורטייל פאר לאקאל 100, האבען די רעלעגאטען איהם אפלאדירט.

נאכ'ן פארהער האבען אלע רעלעגאטען צוגעגעבען, אפילו די, געגען וועמען ער האט גערולט, אז בר. נינפא איז געווען אומפארטייאיש, אז ער האט עהרליך און געוויסענהאפט דורכגעפיהרט זיין מיסיאן און אז ער איז אן אויסגעצייכענטער ארבייטער-ריכטער, וועלכער וואלט געפאסט צו זיין א ריכטער אין א הויכען קאורט' — אבער דאס קען פארקומען נאר דאן, ווען די ארבייטער מאסען די קלאוקמאכער [illegible] וועלען זיין פאליטיש ארגאניזירט אלס ארבייטער.

פאלגענדע לאקאלס און זייערע רעלעגאטען זיינען געווען פארטראטען ביים פארהער:

לאקאל 54 — ס. פאראר, י. פיינבערג, וו. ראפאפארט, נ. [illegible] און מ. שיף.

לאקאל 100, דרעסמאכער — דארא ליפשיץ, רעבעקא האלאנד, ב. שטיין, ס. קאופמאן און וויליאם [illegible].

לאקאל 5 — שיפער, [illegible], פיטעלסאן, נאוואק, ראלין און נארראן.

לאקאל 18 — ס. בערנשטיין, א. ראוז, מ. שטיינבערג, א. רורין און רוישפינעל.

לאקאל 81 — ראי גלאסמאן, טש. מאריס, רייווירסאן, ניסלין און [illegible].

מיט בר. נינפא זיינען געווען וויס-פרעזידענטן [illegible] און [illegible], דער טשערמאן פון דער שיקאגא'ער דזשאינט באארד.

מ. ז.

די קאנווענשאן פון דער פיפלס רעליף אין פילאדעלפיא

(א באריכט)

די ערעפנונג פון דער פיפלס רעליף קאנווענשאן, שבת אווענד, אין האטעל לארריין, איז געווען אויסערגעוועהנליך שעהן און איינדרוקספול. די הונדערט מיט עטליכע רעלעגאטען, וועלכע זיינען געקומען צו דער קאנווענשאן פון אלע טיילען פון לאנד, פארשטעלענדיג מיט זיך אלע אידישע ארבייטער-ארגאניזאציאנען, האבען אויסגעדריקט גרויס צופרידענהייט מיט די נאבעלע ארבייט, וועלכע די פיפלס רעליף קאמיטע האט געטאן פאר די זיבען יאהר צייט, וואס זי לעבט און ווירקט, און ווי זיי האבען ארויסגעציינט א שטארקען ווילען, אז דיזע הילפס-ארגאניזאציאן פון די אידישע ארבייטער-מאסען אין אמעריקא, זאל ווייטער ארבייטען פאר דעם הייליגען צוועק מיט מוטה און באגייסטערונג, אזוי לאנג ווי די ליידענדע אידען וועלען דארפען האבען הילף.

געעפענט געווארען איז די קאנווענשאן פון מ. בעלאק, טשערמאן פון דער אדמיניסטריישאן קאמיטע פון דעם היגען ברענטש (ווייל דער טשערמאן פון דעם היגען ברענטש, דר. לעאף, איז איצט אין אייראפא), און ער האט געהאלטען א לענגערע רעדע, אין וועלכער ער האט אנגעציינט די גרויסע ארבייט פון דער פיפלס רעליף.

מיט דער אויסנאמע פון א געוויסער גרופע, וועלכע האבען זיך געמאכט אלס אויפגאבע צו ברעכען און שטעכען אלץ, וואס די אידישע ארבייטער האבען געבוים, — האט בעלאק געזאגט צווישען אנדערעס, — מעג מען מיט זיכערהייט זאגען, אז אלע אידען באגריסען די קאנווענשאן פון דער פיפעלס רעליף מיט דער טיפסטער אכטונג, און זיי באגרייפען די וויכטיגקייט פון איהר ארבייט אין דער פארגאנגענהייט און פאר דער צוקונפט. בלויז די אידען אליין קענען לעזען די אידישע פראבלעמען.

גרויס באגייסטערונג האט ארויסגערופען דאס, וואס בעלאק האט, נאך זיין רעדע, איבערגעגעבען, אין נאמען פון פילאדעלפיער ברענטש פון פיפלס רעליף, א צעהן-טויזנד דאלארדיגען טשעק צו דער קאנווענשאן. דאס איז געווען א גרויסער און שעהנער אנפאנג פאר ווייטערדיגע ארבייט.

אלעקסאנדער קאהן, טשערמאן פון דער פיפלס רעליף קאמיטע, איז דאן פארגעשטעלט געווארען אלס טשערמאן פון דער ערשטער זיצונג, און ער איז שטארק אפלאדירט געווארען.

ברוך צוקערמאן, דער מענעדזשער פון דער פיפעלס רעליף קאמיטע, האט דאן פארגעלעזען זיין באריכט, וועלכער איז אינטערעסאנט. ער האט מיט איינצעלהייטען אנגעגעבען אין זיין באריכט וועגען די טעטיגקייט פון דער פיפלס רעליף פאר די גאנצע צייט, וואס זי עקזיסטירט, און ער האט אויך אין זיין באריכט (אויסער דעם ספעציעלען פינאנץ באריכט, וועלכער איז געגעבען געווארען צו יעדען רעלעגאט), אנגעציינט די גרויסע געלד-זאמלונגען אין די אלע יאהרען, וואס די פיפלס-רעליף ווירקט, די גרויסע סומען, וועלכע די פיפלס רעליף האט געשיקט צו אידישע ארבייטער-ארגאניזאציאנען אין אייראפא פאר קולטורעלע צוועקען; די ריזיגע מאסען קליידער, וועלכע די פיפלס רעליף האט געזאמעלט איבער'ן גאנצען לאנד פאר די אידען אין אייראפא, הויפטזעכליך אין רוסלאנד. ער האט אויך געלעזען די צושריפטען פון פארשטעהער פון פארשיידענע קהילות אין אייראפא, וועלכע האבען ערהאלטען שטיצע פון דער פיפלס רעליף אין פארשיידענע צייטען, און ווי האבען אויסגעדריקט אין דיזע בריף זייער הארציגסטען דאנק, איבערהויפט פאר די ביכער, וועלכע זיינען געשיקט געווארען.

רעדענדיג וועגען די געזאמעלטע סומען פון דער פיפלס רעליף קאמיטע, האט צוקערמאן אין זיין באריכט:

„מיר ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די רעלעגאטען צו עקזיביט 'ע' פון דעם פינאנס-באריכט, אין וועלכען עס ווערט דערמאנט, אז אין דער איינגאנג פון $6,013,302.10, וואס די פיפלס רעליף האט ארייננעקראגען פון איהר גרינדונג ביז דעם 31טען יולי, 1922, זיינען ניט אריינגערעכנט דריי גרויסע סומען, וואס זיינען דורכגעגאנגען דורך אונזער אפיס;

ערשטענס, די געלד פאר טראנסמישאן אין פארשיידענע לענדער, אויסער רוסלאנד, אין דער סומע פון $1,044,587.85, וואס איז דורכגעגאנגען דורך אונזער אפיס פאר דער לאנד. צוזאמען איבערגעשיקט געווארען $1,865,027,85. אויסער דעם, האט אונזער טראנסמישאן דעפארטמענט איבערגעשיקט פאר פארשיידענע לאנדסמאנשאפטען אין אייראפא $178,221.17, און אין אלעם דעם איז ניט אריינגערעכנט אונזערע קליידער, וואס זיינען, לויט דער אינשורענס אפשעצונג, ווערטה געווען $1,978,057.30.

„דערמאנט מען זיך אז די לעצטע אויסגערעכנטע ארבייטען זיינען — מיט דער אויסנאמע פון דער טראנסמישאן-ארבייט אין אנדערע לענדער, וועלכע מיר האבען אנגעפיהרט עטליכע מאנאטען פאר דער לעצטער קאנווענשאן,— דורכגעגאנגען הויפטזעכליך אין דער באריכטס-צייט, פון אונזער לעצטער קאנווענשאן ביז היינט, מעגען מיר, אהן איבערטרייבונג, צורעכענען צו די איינגאמען, וואס זיינען דורך אונזער אפיס דורכגעגאנגען, נאך א סומע פון איבער 3 מיליאן דאלאר ווערט רעליף-מיטלען, וואס זיינען דורך דעם אפיס געשיקט געווארען אין די פארשיידענע לענדער.

„מיר האבען איבערגעשיקט ארום־און־ארום 443 באלען מיט קליידער. יעדער איינציגער באל האט געוואויגען פון 400 ביז 500 הונדערט פונט. מיר האבען איבערגעשיקט 2,137 קאסטענס שפייז, פון וועלכע יעדער איינציגער האט געוואויגען אן ערך 300 פונט. מיר רעכענען, אז יעדער איינער, וואס וועט זיך א ביסעל אריינטראכטען אין די ציפערען, וועט איינזעהן, וואס פאר א גרויסע הילף דער קליידער קאמפיין האט געבראכט צו די, צו וועמען מיר האבען דאס געשיקט. מעהר איינצעלהייטען געפינט איהר אין פינאנס-באריכט עקזיביט 'סי'.

59 פראצענט פון די קליידער און שפייז איז אוועקגעשיקט געווארען קיין רוסלאנד. און טראץ אלע געשרייען פון אונזערע געגנער, אז די פיפלס רעליף קאמיטע האט פאר רוסלאנד גארנישט געטאן, ערקלער איך דא עפענטליך אויף דער קאנווענשאן, אז קיין ארגאניזאציאן, מיט דער אויסנאמע פון דער הואווער אדמיניסטראציע, האט ביז היינטיגען טאג נאך געשיקט די אידישע מאסען פון רוסלאנד ממשות'דיגע הילף אזוי [illegible] ווערט, ווי דאס, וואס די פיפלס רעליף האט זיי געשיקט. מיר וועלען קומען צו דעם פונקט נאך אמאל, ווען מיר וועלען פארהאנדלען אונזער שטעלונג צום „אידגעזוקאם". באהויפטע איך דא, אז ביז היינט צו טאג האט די פיפלס רעליף פיל מעהר הילף געגעבען דעם „אידגעקאם" ווי אלע יענע ארגאניזאציעס, וועל־

צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22

א זיצונג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג, דעם 22טען אויגוסט, 1922, אין 16 וועסט 21טע סט. אונטער דעם פארזיץ פון ברודער סיימאן א. פארבער.

וועהלען פאר א פארזיצענדער פון דעם עקזעקוטיוו באארד פאר די קומענדע פיר וואכען זיינען געמאכט געווארען. שוועסטער ראוו וואלקאוויץ איז ערוועהלט געווארען.

עס האבען זיך געווענדעט קאמיטעס פון די שעפער פראם דרעס קאמפאני, 140 וועסט 22טע סט. און ריינער און מייערמאן 34 איסט 30טע סטריט. נאכדעם ווי זייערע פארלאנגען זיינען אויסגעהערט געווארען האט דער עקזעקוטיוו באארד איבער זיי געהאנדעלט.

פארשיידענע צושריפטען זיינען איינגענומען און פארהאנדעלט געווארען.

דער באריכט פון דעם גענעראל מעמבער מיטינג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען דאנערשטאג דעם 17טען אויגוסט איז איינגענומען געווארען.

איינע פון די הויפט-פראגען ביים מיטינג איז געווען ווי אזוי שנעלער צו ברענגען צו א פאראייניגונג פון לאקאל 22 און 23. די מיטגלידער זיינען געווען שטארק פאראינטערעסירט אין דער פראגע און האבען איהר גרינדליך ארומגערעדט.

עס זיינען ביים מיטינג אויך געמאכט געווארען נאמיניישאנס פאר דעלעגאטען פון אונזער לאקאל צום דזשאינט באארד.

די פאלגענדע מיטגלידער זיינען דארט ערוועהלט געווארען אין דער עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע: י. האלפערן, פאניא משייקין, אבר. ליפין און לינא ראזענבערג.

דער באריכט איז פינ'ם עקזעקוטיוו באארד גוטגעהייסען געווארען.

וועהלען פאר א טשערמאן פון דער עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע זיינען געמאכט געווארען און ברודער ראבינאוויץ איז ערוועהלט געווארען.

די דיסקוסיע איבער דעם 20 דאלאר טעקס, וואס איז אפגעלייגט געווארען פון לעצטען עקזעקוטיוו באארד מיטינג איז פארטגעזעצט געווארען. נאכדעם ווי דער פארזיצענדער האט אנגעוויזען פארוואס דער דזשאינט באארד האט אזא שטייער ארויפגעלייגט איז די פראגע אפגעלייגט געווארען ביז צום סוף פון מיטינג.

די באריכטען פון דעם דזשאינט באארד פון דעם 9טען און 16טען אויגוסט זיינען אויפגענומען געווארען.

דער ערשטער איז אין גאנצען גוטגעהייסען געווארען מיט דער פארשטענדיגונג, אז דער סטייטמענט פון די פינאנציעלע אויסגאבען פאר'ן מאנאט יולי וואס געפינט זיך אין דעם באריכט, זאל איבערגעוויזען ווערען צו דער פינאנץ קאמיטע פון אונזער לאקאל צו באטראכטען.

דער באריכט פון אויגוסט דעם 16טען איז דיסקוטירט געווארען פונקט נאך פונקט.

א לעבעדיגע דעבאטע האט ארויסגערופען דער טייל פון באריכט אין וועלכען עס ווערען איבערגעגעבען די אראנזשמענטס, וואס זיינען געמאכט געווארען אין דעם ארגאניזאציאנס-דעפארטמענט.

אין באצוג צום נעקסטען גענעראל-מעמבער-מיטינג, וואס וועט געהאלטען ווערען דאנערשטאג, דעם 31טען אויגוסט איז באשלאסען געווארען צו געבען פולמאכט צו דער ארגאניזאציאנס קאמיטע צו מאכען אלע נויטיגע פארבארייטונגען פאר דעם מיטינג.

די פראגע וועגען דעם 20 דאל. טעקס איז ווידער אויפגענומען געווארען. נאכדעם ווי ס'איז גערעדט געווארען פאר דעם טעקס און געגען איהם און אויסהערענדיג פארשיידענע מיינונגען וועגען דעם, האט ברודער חכמאן, דער מענעדזשער פון דזשאינט באארד, וועלכער איז אנוועזענד געווען ביים מיטינג, ערקלערט די וויכטיגקייט פון דעם 24 דאלאר טעקס אין דעם איצטיגען מאמענט.

די פראגע איז דאן גענומען געווארען און עס איז באשלאסען געווארען גוטצוהייסען דעם טעקס.

* * *

א זיצונג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אוונט, דעם 29טען אויגוסט, 1922 אין 16 וועסט 21טע סט. אונטער דעם פארזיץ פון שוועסטער ראוו וואלקאוויץ.

קאמיטעס פון די פאלגענדע שעפער זיינען אויפגעטראטען פאר'ן עקזעקוטיוו באארד: טיימס דרעס קאמפ., 148 וו. 24טע סט.; מעי בעלל דרעס קאמפ., 129 איסט 17טע סט.; קאנסטרוקטיוו דרעס קאמפ., 237 וועסט 26טע סט. און בוירקלעי דרעס קאמפ., 57 איסט 16טע סטריט.

דער עקזעקוטיוו באארד האט גענומען אין באטראכט די פארשיידענע פארלאנגען פון די קאמיטעס און זיי פארהאנדעלט.

א צושריפט איז באקומען געווארען פון דער „הכנסת אורחים און אימיגראנט עיד סאסייעטי", רופענדיג פארטרעטער פון אלע ברייך יוניאנס צו א קאנפערענץ, וואס וועט זיין זונטאג, דעם 10טען סעפט. אין דער „האיאס" בילדינג, 245 לאפאיעט סטריט. דארט וועט באשפראכען ווערען פלענער און מיטלען ווי אזוי צו העלפען דער „האיאס" אנגעהן מיט איהר ארבייט און מאכען איהר „דרייוו" פאר געלט אן ערפאלג אזוי, אז זי זאל האבען א מעגליכקייט פארטצוזעצען איהר הייליגע ארבייט פאר די אידישע וואנדערער אין אייראפא. אויף איהר פארלאנג צו שיקען צוויי דעלעגאטען צים קאנפערענץ זיינען די ברידער ראבינאוויץ און דארפמאן ערוועהלט געווארען צו רעפרעזענטירען אונזער ארגאניזאציע.

עס איז באקומען געווארען א מיטטיילונג פון עקטינג סעקרעטער פון דעם דזשאינט באארד פארלאנגענדיג פון אונזער לאקאל אויסצופילען די קוואטע פון ביזנעס איידזשענטס צו וועלכע מיר זיינען בארעכטיגט און גלייך אהן אפליינ ארייגשיקען א ביזנעס איידזשענט.

די אורזאך פארוואס מיר האבען נאך די קוואטע פון ביזנעס-איידזשענטס ניט אויסגעפילט ווערט ערקלערט מיט דעם, וואס שוועסטער רייך האט זיך אנטזאגט אנצונעהמען אלס ביזנעס איידזשענט פאר וועלכען אונזער עקזעקוטיוו באארד האט איהר באשטימט און זי האט ארייגגעשיקט א צושריפט אנגעבענדיג אורזאכען פארוואס זי האט אזוי געהאנדעלט.

איהר צושריפט האט ארויסגערופען א לעבעדיגע דעבאטע אין וועלכער כמעט אלע עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער האבען זיך באטייליגט. ס'זיינען ארויסגעזאגט געווארען אינטערעסאנטע מיינונגען אין פארבינדונג מיט איהר צושריפט און עס איז צום סוף באשלאסען געווארען צו ערוועהלען א קאמיטע פון דריי וועלכע זאל איהר פרעגען אויב זי וועט אננעהמען אלס ביזנעס-איידזשענט.

די פאלגענדע מיטגלידער זיינען ערוועהלט געווארען אין דער קאמיטע מיט פולמאכט צו האנדלען: שוועסטער ר. וואלקאוויץ און די ברידער א. לופין און י. פארביאש.

די פראגע וועגען די ניי געסעטעלטע שעפער איז אויפגענומען געווארען. פארשיידענע פלענער ווי אזוי אזעלכע שעפער זאלען געסעטעלט ווערען אונטער א בעסערען יוניאן קאנטראל זיינען פארגעשלאגען און באטראכט געווארען.

עס איז דאן ערוועהלט געווארען א קאמיטע פון דריי, וועלכע זאל צוזאמען מיט'ן מענעדזשער און אנדערע באאמטע פון דעם דזשאינט באארד זעהן אויסצואיבען א שטארקערען איינפלוס אויף די ניי ארגאניזירטע שעפער און אזוי ארום זיי מאכען פאר בעסערע יוניאן שעפער.

אין דער קאמיטע זיינען אריין ברודער פארבער און די שוועסטער וואלקאוויץ און משאיקין.

ברודער פארבער האט ערקלערט, אז אונזער סעקרעטער ברודער שעהנהאלץ האט שוין פון לאנג גענומען אויף זיך די אויפגאבע אכטונג צו געבען און די וואס זיינען ערשיינען פאר דער מעמבערשיפ קאמיטע און האבען נים ארויסגענומען זייערע יוניאן ביכלאך. אלע אזעלכע „קייסעס" זיינען איבערגעוויזען געווארען צום דזשאינט באארד ציהענדיג די אויפמערקזאמקייט פון זיינע באאמטע נאכצופארשען די דערמאנטע פאלען. ער איז געווען מיט דער מיינונג, אז ניי געסעטעלטע שעפער דארפען אפט באזוכט ווערען פון אונזערע ביזנעס איידזשענטס.

ברודער ראבינאוויץ האט באריכטעט אין נאמען פון דער ארגאניזאציאנס קאמיטע. די קאמיטע האט געהאט א זיצונג מאנטאג אוונט, דעם 28טען אויגוסט און האט אויסגעארבייט א טאגעס-ארדנונג פאר'ן קומענדיגען גענעראל מעמבער מיטינג.

די קאמיטע האט אויך באשלאסען צו דרוקען קארטלאך, וועלכע זאלען פארטיילט ווערען צווישען די ארבייטער רופענדיג זיי צום מיטינג און אדווערטייזען דעם מיטינג אין דער ארבייטער-פרעסע.

דער באריכט איז גוטגעהייסען געווארען.

עס איז באשלאסען געווארען, אז די וויכטיגסטע אויסצוגען פון די באריכטען פון דעם איצטיגען עקזעקוטיוו באארד זינט ער איז אין אמט זאלען געלייענט ווערען אויפ'ן גענעראל מעמבער מיטינג, כדי באקאנט צו מאכען דער מיטגליעדערשאפט מיט דער ארבייט פון דעם עקזעקוטיוו באארד. די שוועסטער וואלקאוויץ, קאפלאן און לאסקין זיינען אויסגעקליבען געווארען פארצובארייטען די אויסצוגען פון די באריכטען.

דער באריכט פון דער עלעקשאן און

אבזשעקשאן קאמיטע [illegible] עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 22.

א זיצונג פון דער עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע איז אפגעהאלטען געווארען שבת דעם 26טען אויגוסט, 1922 אין אפיס פון דער יוניאן. ברודער ראבינאוויץ, טשערמאן פון דער קאמיטע איז געווען פארזיצענדער.

די פאלגענדע קאנדידאטען האבען אנגענומען די נאמיניישאנס אלס דעלעגאטען צום דזשאינט באארד און זיינען ארויפגעשטעלט געווארען אויפ'ן באלאט: סיימאן א. פארבער, רושליום גינזבערג, בערטא קאפלאן, אנא קראנקהארט, דזשייקאב ליפשיץ, ראוו ב. מירסקי, סיליא סאמאראדין, אנא סאסנאווסקי, אוירווינג ווייינבערג, ראוו וואלקאוויץ.

עס איז באשלאסען געווארען, אז צוויי באלאט באקסעס זאלען אוועקגעשטעלט ווערען אין האל און שטימען זאל מען נאכ'ן מיטינג. די שטימען זאלען געצעהלט ווערען אין יענעם אוונט.

די קאמיטע.

דער באריכט איז גוטגעהייסען געווארען.

דער באריכט פון דער פינאנץ קאמיטע פון דעם מיטינג, וואס זי האט געהאט דעם 24טען אויגוסט איז פארהאנדעלט און גוטגעהייסען געווארען.

אין פארבינדונג מיט דער פראגע וועגען טראנספערס פון אנדערע לאקאלס איז ארויסגעבראכט געווארען דער פאקט, אז לאקאל 25 אנטזאגט צו געבען טראנספערס צו זיינע מיטגלידער, וועלכע ארבייטען אין דרעס שעפער און ווילען זיך אנשליסען אין לאקאל 22.

עס איז דאריבער באשלאסען געווארען צו שיקען א צושריפט צו לאקאל 25 און פאדערענדיג איהם צו געבען טראנספערס צו די מיטגלידער, וועלכע ארבייטען אין דרעס שעפער און זיי לאנגען צו ווערען מיטגלידער אין לאקאל 22 און אויך שיקען וועגען דעם א צושריפט צום דזשאינט באארד.

מיט דעם האט זיך די זיצונג געשלאסען.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

עדיוקיישאנאל נאטיצען

א הייק פון סטודענטען-קאונסיל

נעקסטען זונטאג, דעם 10טען סעפטעמבער, וועט פארקומען א „הייק" פון דעם סטודענטען-קאונסיל, נאך סטעטען-איילאנד. דאס וועט זיין דער לעצטער „הייק" פון דעם סיזאן.

די סטודענטען פון אונזערע קלאסען און קורסען, מיט זייערע פריינט און באקאנטע, וואס ווילען זיך באטייליגען, זאלען זיין זונטאג, 10 אזייגער אין דער פריה, ביי דער סטעטען-איילאנד פערי, וואו א קאמיטע פון דעם סטודענטען קאונסיל וועט זיי אפווארטען, און זיי פיהרען צום פלאץ וואו מען וועט פארברייגגען דעם טאג. זאל יעדער זיך מיטנעהמען עסען פאר'ן טאג.

קומט אלע אין ציים.

רעסעפשאן פאר שוועסטער פאניא קאהן

דער סטודענטען-קאונסיל פון אינטערנעשאנאל ארבייטער-אוניווערזיטעט, און פון די יוניטי סענטערס האט באשלאסען צו מאכען א „רעסעפשאן-געדערינג" פאר אונזער וויס-פרעזידענטין, מיסס פאניא מ. קאהן, וואס קומט פון יוראפ, פון איהר מיסיע אלס דעלעגאט צו דעם ערשטען, אינטערנאציאנאל עדיוקיישאנאל קאנגרעס. צו דעם קאנגרעס איז זי געשיקט געווארען פון די „ווארקערס עדיוקיישאנאל ביורא און אמעריקא".

דער רעסעפשאן וועט פארקומען שבת דעם 16טען סעפטעמבער, אום 7.30 אין אוונט, אין קאונסיל רום פון דער אינטערנעישאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק.

מיסס פאניא מ. קאהן איז גום באקאנט צו די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל, דורך איהר טעטיגקייט אלס סעקרעטערין פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע פון אונזער אינטערנעשאנאל. זי האט זיך ערווארבען א סך פריינט, און דיזע פריינט וועלען געוויס ניט פארפעהלען צו קומען איהר זאגען ווילקאמען, און אין דער זעלבער צייט הערען דעם גרוס וואס זי ברייגגט פון דער עדיוקיישאנאל ארבייטער באוועגונג אין אייראפא.

אויפ'ן „רעסעפשאן" וועלען אנוועזענד זיין באאמטע פון אונזער יוניאן, די לערער פון אונזערע קלאסען, דער סטודענטען-קאונסיל און זאנסט פריינט און מיטגלידער פון אונזערע לאקאל יוניאנס.

אונזערע אכט יוניטי סענטערס

איסט סייד יוניטי סענטער: — פאבליק סקול 63, 4טע סטריט, לעבען ערשטע עווניו, מאנהעטען.

ווייסט מאכער יוניטי סענטער: פאבליק סקול 40, 320 איסט 20טע סטריט, מאנהעטען.

הארלעם יוניטי סענטער: — פאבליק סקול 171, 103טע סטריט, צווישען מעדיסאן און פינפטע עווניוס.

1טער בראנקס יוניטי סענטער: — פאבליק סקול 61, קראטאנא פארק איסט און שארלאט סט., בראנקס.

2טער בראנקס יוניטי סענטער: — פאבליק סקול 42, וואשינגטאן עווניו און קלערמאנט פארקוויי, בראנקס.

3טער בראנקס יוניטי סענטער: — פאבליק סקול 43, בראון פלייס און 135טע סט., בראנקס.

בראנזוויל יוניטי סענטער: — פאבליק סקול 84, סטאון און גלענמאר עווניוס, ברוקלין.

וויליאמסבורג יוניטי סענטער: פאבליק סקול 147, בושוויק עווניו און מעסירעל סט., ברוקלין.

די אלע יוניטי סענטערס וועלען זיין אפען דעם 11טען סעפטעמבער. רעדזשיסטרירט זיך גלייך פאר די קורסען. לאמיר וויסען באצייטענס פאר וויפיל מענשען מיר דארפען אנגרייטען פלאץ.

רעדזשיסטרירען קאן מען זיך אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט. און אין די אפיסעס פון אונזערע לאקאל יוניאנס. ווען איהר זייט אין אפיס פון אייער לאקאל יוניאן קאנט איהר זיך דארט רעדזשיסטרירען.

שוואכע מענשען

וועלכע שרעקען זיך אפ פון שטארקע אבפיהר-מיטלען זאלען נעהמען

עקס-לאקס

געשמאק אין טעם ווי א טהייערער קאנפעקטור

עקס-לאקס ווירקט געלאסען און נאטירליך אהן קרעמפען און שמערצען, דערפאר איז עס אזוי באליבט ביי אלעמען, קליין און גרויס.

10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

ביים טעלעפאן

(ערצעהלונג)

פון אל. גורית.

— שמואל, געה צו צום טעלעפאן — גאנץ איהם זיין פרוי וויסען — עפעס א דאמע בעט דיך, דו זאלסט מיט איהר ריידען.

שמואל האט א רגע טראכט געטאן, זיך איבערלייגט, איבערגעלאזט דעם עסען אויפ'ן טיש און לאנגזאם צוגעגאנגען צום אפאראט.

— אפשר וועסטו זיין אזוי גוט און אריינגעהן צום קינד? — זאגט שמואל זיך אויסדרעהענדיג צו דער פרוי און באלד דארויף אריינגעשריען אין טעלעפאן: — העלא! העלא!

דער פרוי האט זיך ניט געגלוסט ארויסגעהן.

— איך וועל נאך דא אביסעל זיצען — האט זי געזאגט.

און דורכ'ן טעלעפאן האט צו איהם אן אנדערע שטימע גערעדט:

— איך האב דיין בריף נאר וואס דערהאלטען. ס'איז שוין אפילו אין דעם עטליכע מינוט, אדער אפשר שטונדען. איך האב פארגעסען, ווייל נאכדעם בין איך אוועק אין די גאלאנטעריי-געשעפטען עפעס קויפען. וואס הערט זיך ביי דיר? דיין פרוי, שטעל איך זיך פאר, מוז מיט דיר איצט צוזאמען פארברענגען... אדער איהר עסט צוזאמען איצט אייער פרישטיק.. זיי רוהיג, לאנג וועל איך דיך ניט אויפהאלטען, כ'האב דיר נאר גע-וואלט זאגען איין ווארט.

— ווער איז דאס, שמואל? — האט די פרוי ניט אויסגעהאלטען און שטיל א פרעג געטאן.

שמואל האט א שמייכעל געטאן, ארויפגעצויגען אויפ'ן פנים אן אויסדרוק פון גלייכגילטיגע פאראינטערעסירטקייט.

— באלד וועל איך דיר זאגען — האט ער איהר צוגעווארפען און א מאך געטאן מיט דער האנט — א וואונדער-ליכע זאך...

זיין פרוי איז אומבאהאלפען געבלי-בען; שטעהן ביי דער טיר און געקוקט פאר זיך, ווי א באשעפעניש, וואס מען פירט צו דער שחיטה.

— דיין פרוי איז מיט דיר — האט די שטים אין טעלעפאן צו איהם גערעדט — איך האב איהר קול געהערט. זי וועט אבער גארניט באמערקען. קיינער וועט גאר-ניט באמערקען. איך קען דיך און ווייס, אז וואס איך זאל דיר ניט זאגען, וועט אויף דיין געזיכט קיין איין מוסקול ניט א ציטער טאן. דו ווייסט אלע מאל ווי אזוי איבער זיך צו הערשען צוליב אנ-שטענדיגקייט. איך וואלט דיך טאקע בעטען דו זאלסט מיר עפעס וואס זאגען, איך וויל הערען דיין שטימע... דיין פרוי וועט דאך באלד ווערען זיכער אויפפאסען צו דאס, וואס דו שווייגסט כסדר.

שמואל האט אנגענומען א געצוואונגענע פויזע, געמאכט דעם אנשטעל, אז ער הערט שוואך און זיך נעהנטער צו-רוקענדיג צום אפאראט, א זאג געטאן:

— יוי? וואס האט איהר געזאגט? זייט אזוי גוט, רעדט דייטליכער...

— אלזא, הער מיך אוים — האט די שטימע אין טעלעפאן גערעדט — אבער דו זאלסט מיך אויסהערען... אלץ אויסהערען. טאמער ניט וועסטו מיך צווינגען פשוט דערצו, אז... איך ווייס דאך, אז דו האסט מעהר פון אלץ מורא פאר סקאנדאל. דו ביסט ניט קיין בי-לינער, ניין, דו ביסט אין אמת'ן א באַ-רימטענדער מענש און ניט קיין בעל פחדן. און סטראשונסעס קענען ווייניג וואס דיך אנגעהן, ווייל דו ביסט א מענש פול מיט ענערגיע און מעגליכ-קייט, דערצו נאך א מענש מיט א סך פאנטאזיע... נאר א סקאנדאל וועסטו דאך וועלען אויסמיידען און איך וויל דיך טאקע דערפון אויסהיטען... אבער זאג מיר כאטש א ווארט...

שמואל, האלטענדיג די טרובקע ביים אויער האט געפיהלט ווי די אנגעשטרענג-טע מוסקולען ציטערן. א פייער איז פון שרעק ארומגעלאפען אין זיין רוקען און אפגעבריהט די פיס. די קני האבען געבראכען. אלץ אין איהם האט געצי-טערט פון עפעס א פארטעפיהל. עס האט זיך אין איהם געריסען וואס אזעל-כעס א זאג צו טאן, נאר די טרוקענע ליפען האבען שטום זיך דערפון אפגע-זאגט.

— וואס פאר א שטארקער דו ביסט אלע מאל געווען, מיין טייערער, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דער אויס-ערליכער זייט, וועגען, אזוי צו זאגען, פארמען. מען מוז באוואונדערען אט די דאזיגע פעהיגקייט דיינע, און אז מען באוואונדערט דאס, טוט עס גוט וועה. ווייל דארט וואו דו ביסט געווען שטארק בין איך אלע מאל געווען די שוואכערע. איך מוז דיר זאגען, אז מיך פארדריסט דאס איצט זעהר שטארק, אבער איצט גיב איך דיר א מעגליכקייט צו זיין א נאכפאלגער, א מעגליכקייט צו א לעצ-טער נאכפאלגונג. דו האסט דאך שוין צייט געהאט זעהן ווי שטארק איך האב דיך ליב... געה ניט אוועק פון טעלע-פאן, בלייב, גיב א טראכט וועגען אנ-שטענדיגקייט. אנדערש...

— זי איז משוגע — האט שמואל א זאג געטאן, זיך אויסבויגענדיג צו דער פרוי — משוגע. אט וועל איך דיר באלד דערצעהלען.

— ווייטער! — האט ער אריינגע-רעדט אין טעלעפאן.

זיין שטערען איז באדעקט געווען מיט קליינע טראפען שוויים. ער האט שוין איצט געטראכט וואס'רע געשיכטע ער זאל דערנאך דערצעהלען דער פרוי ווי-נער. דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען האט ער געפיהלט, אז דער שכל הערט איהם אויף דינען. א שטומע שרעק האט איהם א כאפ געטאן, אבער ער האט זיך ווי ס'איז געהאלטען שטארק און געלאזט די שטים אין טעלעפאן צו פארט-זעצען די אומענדליכע טענות.

— איך מיין, אז נקמה איז ניט קיין גרויס גליק. אבער מיך באפרידיגט דער באוואוסטזיין, אז איך וועל זיך אין א געוויסען זין מיט דיר אפרעכענען. איך רעד צו דיר איצט, שטעהענדיג אין א טעלעפאן בודקע ערגעץ אין אן אפטייק. אויפ'ן משופע'נע ברעטעל ביים טעלע-פאן ליגט דיין בריף, געשריבען אויף ווייסען פאפיר מיט שמאלע שורה'לאך. דאס ביידעל האלט מיך אין גאנצען איינגעשלאסען אין זיך. שטעל זיך פאר, מאל זיך אוים ווי אזוי איך שטעה דא. אין רעכטער האנט האלט איך פעסט אן אנגעלאדענע זאך, און דער לינקער די טעלעפאן-טרובקע... די אנגעלאדענע זאך איז ביז איצט געלעגען אויף דיין בריף, איצט האלט איך עס אין האנט...

— שמואל, טייערער — האט די פרוי אונרוהיג א פרעג געטאן, אלץ אזוי אונבאשלאסען שטעהענדיג אין טיר צום עס-צימער.

שמואל האט איהר ווי פריהער א וואונק געטאן מיט'ן קאפ, האט אפילו א שמייכעל געטאן. אין דער פרוי'ס אויגען האבען א בליץ געטאן פייערלעך פון האפנונג. זי איז אפגעטראטען און פארמאכט הינטער זיך די טיר.

— שמואל, טייערער — האט די שטים אין טעלעפאן גערעדט — איך הער דייטליך דיין אפגעהאקטען אטעם. דו ליבסט מיך שוין ניט לאנג, אבער די רעפלעקסען זיינען נאך לעבעדיג אין דיר. דיר מוז אוודאי פארדריסען, וואס איך שטעה איצט ערגעץ אין אן אפטייק, אריינגעקוועטשט אין א טעלעפאן ביי-דעל. דו באהערשסט זיך ווי אלע מאל איבער מיר. זיי רוהיג, ס'וועט אלצדינג דורכגעהן רוהיג, פיין: איך קען דיך. זיך אליין וועסטו דאך ניט ארויסגעבען, וועסט זיין אהן שום פארוואורף, ווי אלע מאל.

— אבער זאג מיר כאטש איין ווארט. האב רחמנות אויף דיין פרוי, זאל זי הע-רען ווי דו רעדסט אוים א ווארט... איך ווייס, דו וואלסט וועלען פרעגען, וואס דאס אלעס באדייט, און וואלסט דאס וועלען פרעגען מיט א שטארקע כעס'יגע שטימע. און עס קען זיין, אז דו וואלסט נאך געוואלט בעטען, באשווערען, אז איך זאל אויפהערען. ווער ווייסט, דו וואלסט נאך אפשר מיט מיר אפגעמאכט מיר זאלען זיך ביידע זעהן. איבריגענס איך וויל דיך טאקע ניט זעהן. אפשר פאלט דיר איין מיר נאך א בריף צו שרייבען, דערלויב איך דיר דאס ניט, איך וועל דיר קיין מעגליכקייט ניט געבען, דו זאלסט א בריף שרייבען. זאלען מיינע איצטיגע ווערטער זיין דער בריף. ווייל א בריף, ווייסטו דאך, איז ניט קיין גוטע זאך. ווייל ווען איינער רעדט מוז דער אנדערער שווייגען, און דערצו נאך קען א בריף קאמפראמיטירען, ער קען טייל-מאל אריינפאלען אין פרעמדע הענט, אבער איך וויל כאטש איינמאל אין לע-בען ריידען מיט דיר בסוד.

— דיין בריף איז געווען זעהר א שלעכטער, שמואל. אט ליגט עס פאר מיר. דיינע אלע בריף זיינען געווען שלעכטע, זיי זיינען שטענדיג געווען אנ-געפילט מיט ניט קלארע אנדייטונגען, שטענדיג פול מיט באהאלטענע צורייצט-קייט געגען מיין ליבע. דו האסט מיך ליב געהאט, אבער דו האסט דערביי אויך געליטען, מיין טייערער.

— איינמאל האסטו מיך דאך פארט ליב געהאט. יענע נאכט, געדענקסט, ווען דו האסט מיך צום ערשטען מאל באגעגענט... יענע נאכט ווען דו ביסט אריינגעקומען אין קליינעם צימערל פון מיינער א פריינדין, וואו איך בין גראד געווען.

— שפעטער, געדענקסט? אין פארק, ביינאכט, א וואו איך האב דיין קאפ גע-דרוקט צו מיין ברוסט. דאמאלסט האסטו מיך ליב געהאט. ס'איז געווען ביי דיר אהן מורא, אבער דאס איז גע-ווען איינמאל. דערנאך איז ווידער גע-קומען עפעס א מורא.

— דערנאך האסטו שוין געוואוסט, אז איך קען אהן דיר ניט לעבען. דאס, קען זיין, איז געווען דער גאנצער שטער פאר דיין ליבע, אבער דאס האט אויך דיר געשטערט מיך איינגאנצען אוועקצו-ווארפען. און איך האב שוין ניט גע-קענט וויסען, וואס איינענטליך עס שטערט דיר זיך צו שיידען מיט מיר: די מורא, אדער דער באוואוסטזיין, אז איך קען אהן דיר ניט לעבען?

— איצט האסטו מיר געזאגט דורכ'ן בריף, אז אלץ איז געענדיגט. דו ווייזט מיר אויף, אז מיר טארען זיך, צוליב די און יענע אורזאך, ניט זעהן מעהר. דו באשווערסט מיך, אין נאמען פון אונזערע נשמות און פון דיין פרוי, וואס ווייס דערפון נאך ניט און פון קינד, אז עס מוז אזוי בלייבען, אז מיר מוזען זיך פאנאנדערגעהן, מיר מוזען זיך אפטיילען איינער פון אנדערען.

— ניין, איך פיהל, אז דו ביסט שוין ווידער ניט רוהיג. הער אויף. אלץ וועט זיין אין בעסטען ארדנונג. דו וועסט זיך מיט גאר ניט קיין שאדען טאן. דו ביסט א קארעקטנער, דו ביסט א שטארקער. מעגליך, אז דיין האנט, וואס האלט די טרובע, וועט א ציטער טאן. יעדענפאלס טו אכטונג, אז דיין יונגע פרוי זאל ניט שטעהן הינטער דיר. רעד מיט איהר, בעט ביי איהר זי זאל דיר ברענגען א בלייסטיפט אדער א נא-טיס-ביכעל. בעסער איז זי זאל איצט זיין ערגעץ אין א צווייטען צימער.

— אין האנט האלט איך א טונקעל-גרינע געגענשטאנד. איך האלט מיט צי-טרוי אין זיין רונדיגען מויל. איך בעט דיך, דיין פרוי זאל ניט שטעהן אזוי נאהענט. נאך איין מינוט. ווי א כאן, דו זאלסט ניט אויפשרייען, דערהערענדיג דורכ'ן טעלעפאן א לייכטען שלאג. בלייב אזוי שטעהן, געה ניט אוועק. זאג כאטש איצט איין ווארט. דו וועסט ניט בלייך ווערען ווען דו וועסט דורכלייענען אין ציטונג עטליכע שורות וועגען א זעלבסטמארד.

— פארקערט, דו וועסט, צום סוף כאטש איינמאל זיך דערמאנען מיט דאנקבארקייט אן מיר. ווייל איך באַ-פריי דיך איצט פון דעם, וואס האט אויף דיר אלע מאל געווארפען א מורא און געגען וועלכעם דו ביסט אזוי אונבאַ-האלפען. זעהסט, אפילו אין דיין בריף האב איך אויסגעשניטען די איניציאַלען און דיין אונטערשריפט. קיינער וועט גארניט וויסען. איצט בעט איך דיך, פארדריק די ציינער, אט ווי איך. ווי שווער דאס באווענט זיך... איין מאָ-מענט...

שמואל'ס שווערע שטוהל איז מיט א שטורם א פאל געטאן צו דער ערד, שמואל האט זיך פיבערהאפט אנגעכאפט אן שראנק. די טיר צום עס-צימער האט זיך געעפענט ברייט, און זיך אויס-גלייכענדיג איז געשטאנען פאר איהם זיין יונגע פרוי.

ציטערנדיג ווי אן אינטערגעשאסע-נער פויגעל האט זי א זאג געטאן צום מאן:

— שמואל, קום אריין עסען, די קאווע איז שוין קאלט געווארען.

דער שווארצער טעלעפאן אפאראט האט, ווי מיט א שטומען האס, באהאל-טען אין זיך דעם סוד.

סענטראל טריידס און די „פריענדס פון רוסלאנד".

די „פרענדס אוו סאוועט ראשא", וואס שטעהט אנגעקלאגט פאר דער אר-בייטער באוועגונג און פאר דער עפענט-ליכקייט אין אלגעמיין, אז זי מיסברויכט געקליבענע געלד פאר די הונגעריגע אין רוסלאנד פאר קאמוניסטישע צייטונגען און פאר קאמוניסטישע אינסטיטוטען אין אמעריקא, איז דאנערשטאג אבענד ער-קלערט געווארען פון דער צענטראלער קערפערשאפט פון אלע יוניאנס פון גרויי-טער ניו יארק אלס א גרופע, וועלכע מען קען ניט געטרויען, אויב זי וועט זיך ארויסדרעהען פון ניט דערלאזען דער באַ-וועגונג צו אונטערזוכען איהרע ביכער און פינאנסען.

דער עקזעקוטיוו באארד פון צענט-ראל טריידס און לייבאר קאונסיל פון גרייטער ניו יארק האט רעקאמענדירט ביי דעם אלגעמיינעם מיטינג פון קאונ-סיל א פארדאמונגס-רעזאלוציע אויף די „פרענדס", אין וועלכער עס ווערט גע-זאגט, אז אזוי לאנג ווי די „פרענדס" וועלען ניט צולאזען אן אונטערזוכונג פון דער ארבייטער-באוועגונג, צוזאמענ-געשטעלט פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען און דעם סענטראל טריידס און לייבאר קאונסיל, וועלען זיי ערקלערט ווערען אז מען קען זיי ניט גע-טרויען, אז זיי מיסברויכען געזאמעלטע געלד פאר הונגעריגע אין רוסלאנד אויף אויפצוהאלטען קאמוניסטישע קלייזלאך אין אמעריקא און אז דערפאר טאר קיי-נער צו זיי ניט האבען קיין צוטרויען. די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען איינשטימיג. די רעזאלוציע איז געלעזען געווארען פון וויליאם קיהא, סעקרעטער פון די סענטראל טריידס און איז אונ-טערשטיצט געווארען פון סעמועל לעפ-קאוויץ, באקאנטער ראדיקאלער פאר-שטעהער פון די טימשטערס יוניאן, מיט א פארלאנג, אז מען זאל ענדערען אן אויסדרוק אין דער רעזאלוציע וואו עס רעדט זיך וועגען דער קאמיטע וועלכע די „פרענדס" אליין האבען זיך אויס-געוועהלט. לעפקאוויץ איז אויך געווען מיט דער מיינונג, אז די „פרענדס" מו-זען לאזען די גאנצע ארבייטער-באוועגונג אונטערזוכען זייערע ביכער. אבער כדי עס זאל ניט הייסען, אז מען באליידיגט די עטליכע ליבעראלען וועלכע זיינען אויסגעקליבען געווארען, האט ער פאר-געשלאגען אן ענדערונג אין דער שורה וואו עס רעדט זיך וועגען זיי.

לעפקאוויץ האט געהאלטען א שאר-פע רעדע געגען די „פרענדס", וועלכע ווילען זיך ארויסדרעהען פון א באוועגונגס-אונטערזוכונג. „איך בין אמאל געווען א פארשטעהער פון דער ארביי-טער-באוועגונג ביי א הונגער-באנקעט וועלכען די „פרענדס" האבען אראנ-זשירט, — האט ער געזאגט. — איך האב זיך באטייליגט אין העלפען זיי קלייבען געלד. מיר האבען דאן געזאמעלט שעה-נע עטליכע טויזענט דאלאר. און אויב דאס געלט איז ניט אוועקגעגאנגען פאר די הונגעריגע אין רוסלאנד, איז דאס דער גרעסטער סקאנדאל."

מאיר לאנדאן רעדט אין קאנגרעס וועגען קוילען-סטרייק.

(א קורצער אויסצוג)

„פאר'ן אמעריקאנער פאלק איז דא בלויז איין אויסוועג: ענטוועדער סאצי-אליזם פון פאלק אדער סאציאליזם פון וואלל סטריט. ענטוועדער א קליינע הויפ-פעלע קאפיטאליסטען וועט אזוי קאנ-טראלירען די איינענטום, אז זי וועט פאקטיש קאנטראלירען דעם גאנצען לע-בען פון לאנד, אדער דאס פאלק וועט נעמען שאפטליך קאנטראלירען אין לאנד אין די אינטערעסען פון דער גאנצער באפעלקערונג".

דאס איז געווען דער הויפט געדאנק פון מאיר לאנדאן'ס רעדע אין קאנ-גרעס, ווען ער האט גערעדט וועגען פרע-זידענט הארדינג'ס פארשלאג צו באשטי-מען א קוילען אדמיניסטראטאר איבער'ן לאנד.

„אונז דארף ניט וואונדערען, אויב דער קאנגרעס געפינט זיך אין א טרויע-ריג-ווי-ערשפרעכענדע לאגע, ווען עס קומט צו פארהאנדלען וועגען דעם קוי-לען-קריזיס. לעצטע וואך האבען מיר אנגענומען א ביל צו שאפען א קאמיטע צו אונטערזוכען די לאגע אין די קוילען-מיינס. לויט דעם ביל טאר מען ניט באַ-שטימען אלס מיטגלידער פון דער קאמ-מיטע קיינעם, וואס איז „באקאנט מיט קוילען-פראגען אדער אינטערעסירט זיך מיט קוילען". אויב דער ביל וועט ווע-רען א געזעץ, וועט דער פרעזידענט דאר-פען באשטימען מיטגלידער פאר דער קאמ-מיטע פון א משוגעים-הויז..."

קריטיקירענדיג די פארשיידענע נאַ-רישע און שעדליכע באשליסע פון דער רעגירונג אין דעם איצטיגען קוילען-קרי-זיס, האט גען. לאנדאן פארטגעזעצט:

„עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס איהר ווייסט ניט וואס צו טאן, וואס איהר בייט אייער פראגראם פון טאג צו טאג און פון שטונדע צו שטונדע, — די דאזיגע גרויסע פראגראמען זיינען ניט פאר אייער קאפ. איהר האט ניט קיין באגריף ווי צו ספראווען זיך מיט אזעלכע פראגען.

„אזוי לאנג ווי דאס איז ניט קיין פראגע פון טאריף אדער פרייען האנדעל, זייט איהר הילפלאז. אט, זעהט איהר, א שטייער אויף פינאנסען — דאס פאר-שטעהט איהר. דאס איז אין אייער ליין.

„עס איז דא בלויז איין רפואה. און דאס איז נאציאנאליזירען (איבערגעבען דעם גאנצען פאלק) פון די גרויסע און וויכטיגסטע אינדוסטריעס, און פארוואל-טען זיי דעמאקראטיש, אונטער דעם קאנ-טראל פון דעם גאנצען פאלק. נאציאנא-לער קאנטראל פון די פעקטארים דארף אזוי ארגאניזירט ווערען, אז די ארבייטער זאלען האבען דאס רעכט ניט נאר צו ארגאניזירען זיך, נאר אויך האבען א שטימע אין דער פארוואלטונג. עס מו-זען אויך באשטימט ווערען אזוינע „ווייר-דושעס", וואס וועלען געבען די ארבייטער א מעגליכקייט צו וואקסען און אנטוויק-לען זיך".

בע ווילען אויפטרעטן אין נאמען פון „איד־דעוקאם", שרייבען דער פיפלס רעליף צוזאמענגענומען. מיר ווילען ווייטער אין נאך ער היום נוצט דער „אידעוקאם" נאמען פון די קלירער, וואס מיר האבען איהם געשיקט, אין זיין ארבייט".

צוקערמאן פאראמט אין זיין באריכט די האנדלונג פון די לינקע אין באצוג דער פיפלס רעליף קאמיטע, און די שטערונ־גען, וועלכע זיי האבען געמאכט אין דעם לעצטען געציאל־קאמפיין. קאליע מאכען קען איך א סאך, און ווי האבען זיך אויך געשארט אין דיזער ארבייט פאר געציאל. „מיר בראטלירען ווי מיט דיזען זיג, — וואגט צוקערמאן, — מיר אליין דיינען איבערציינט, און אז די איבער־פלעכליכע פראוו־שיסערי האלט אין מארשירען, און די אידישע ארבייטער־שאפט קומט צוריק צו איהרע געזונטע חושים".

ביי דער ערשטער זיצונג איז אויך ערוועהלט געווארען א רעזאלוציאנס־קא־מיטע, וועלכע באשטעהט פון פאלגענדע דעלעגאטען: מ. גילים, מ. באגין, פאל רוזען, מאיר בראון, אברהאמסאן, ניר־שפון, דר. קעסעלמאן, באסמאן, און גאלדמאן, גאריק.

אלס טשערמאן פאר דער נעקסטער זיצונג איז ערוועהלט געווארען וויינבערג, און אלס ווייס־טשערמאן אלגער, ניו־יארק.

די צווייטע זיצונג פון דער פיפלס רע־ליף קאנווענשאן, מיט ווייסבערג'ן, פון ניו־יארק, אלס טשערמאן, איז איינגעצען מארגענס געווארען מיט רעפעראטען אין באצוג צום באריכט און דער ארגאניזא־ציאנס־טעכניק, וועלכע איז ביי דער ער־שטער זיצונג אנגענומען געווארען.

דר. בראמסאן, דער פארשטעהער פון „ארט", האט געשילדערט די לאגע פון די אידישע מאסען אין אייראפא, און די הילף, וואס די „ארט" גיט צו נויטליי־דענדע, און ער האט אפעלירט צו דער קאנווענשאן, צו העלפען דעם „ארט" אין דער נאבלער ארבייט.

דער נעקסטער רעדנער איז געווען וולאדימיר מעדעם. ער האט גערעדט וועגען די עלענדיגע טרויעריגע קינדער אין פוילען, וואס באזוכען די אידישע שולען און ווערען איינגעהאלטען פון דער פיפלס רעליף. 80 פראצענט אידישע קינדער באזוכען די שולען. די פיפלס רעליף קא־מיטע איז די פארזארגערין, וואס האלט זיי אויף.

מיטגלידער פון אינטערנעשא־נאל, אויפמערקזאם.

שפילט איהר אויף איינער וועלכע פון די אינסטרומענטען, ווי מאנדאלין, מאנדאלא, מאנדא־צעלא, צעללא, מאנ־דאלאס און קאנצערטינא, און ווילט גע־ניסען דאס פארגעניגען פון שפילען צו־זאמען מיט אן ארקעסטער, וואו איהר קריגט ארקעסטער־לעהרע פריי? — דאן שליסט זיך אן אין ארבייטער־רינג מאנ־דאלין ארקעסטער, וועלכער האט גע־עפענט א קאמפיין פאר פיער וואכען פאר נייע מיטגלידער.

עס איז איבעריג צו שרייבען, אז דער ארבייטער־רינג מאנדאלין ארקעסטער איז איינער פון די פאפולערסטע אינסטיטו־ציעס אויף דער אידישער ארבייטער גאס, ווערענדיג באריהמט, איפסטרומענדיג צו די הונדערטער ראדיקאלע אונטערנעמונ־גען אין פארלויף פון זיין פיער־יאהריגען עקזיסטענץ.

קומט מיט אייערע אינסטרומענטען יעדען זונטאג אום 8 אוהר אווענד אין ארבייטער־רינג מוזיק שוהל, 143 איסט 3טע סטריט, פרעגט פאר
ד. אלטמאן, מענעדזשער.

דער ערשטער נומער „דאס נייע לעבען."

נאך לענגערע הכנות הויבט ענדליך אן צו ערשיינען דער לאנג־ערווארטעטער מאַ־נאטליכער זשורנאל „דאס נייע לעבען" אונטער דער רעד. פון דר. ח. זשיטלאווסקי און ש. ניגער. דער ערשטער נומער גע־פינט זיך שוין אין דרוק און וועט פאראנ־דערשיקט ווערען צו אלע אבאנענטען דעם 15טען סעפטעמבער.

די נעמען פון די רעדאקטארען זיינען שוין א גענוגענדע גאראנטיע פאר'ן לי־טעראַרישען און קולטורעלען הויך, אויף וועלכען דער זשורנאל וועט שטעהן. דער ערשטער נומער האט זעהר א רייכען אינ־האלט, וועלכע וועט די טעג אנאנסירט ווערען.

אלע פריינד פון „דאס נייע לעבען" ווערען דערביי דערמאנט אז עס איז איצט די העכסטע צייט זיי זאלען אריינשיקען אין אפיס פון זשורנאל די סובסקריפשאנס מיט'ן געלט, וואס זיי האבען געזאמעלט, כדי די אבאנענטען זאלען קריגען דעם ער־שטען נומער אין צייט. זאלען זיך אלע שטעלען גלייך אין פארבינדונג מיט'ן אפיס פון זשורנאל, לויט'ן אדרעס:

DOS NEIYE LEBEN,
242 East Broadway, New York,

רעזולטאט פון ארבייטער רינג קאנווענשאן רעפערענדום

די פרינציפען ערקלערונג אנ־גענומען ביי דער לעצטער קאנווענשאן

די מאדערנע אינדוסטריעלע אונ־טערנעהמונגען זיינען מעהרסטענס די אור־זאכען פון קראנקהייטען און אומגליקס־פעלען צווישען דעם ארבייטער קלאס. די ארבייטער נויטיגען זיך דעריבער ניט נאר אין מאטעריעלער שטיצע, נאר אויך אין מאראלער הילף פון פריינד־שאפט פון זייערע מיטמענשען. אט די נויטווענדיגקייט האט געבראכט צו דער גרינדונג פון ארבייטער רינג.

די וואקסענדע צאהל ארבייטער, סיי די וועלכע ארבייטען פיזיש, סיי די וועלכע מיט'ן מארך, הויבען אן צו פארשטעהן, אז דורך פאראייניגטע כחות דורך ארגאניזירטע און קאאפעראטיווע איז מעגליך צו פארלייכטערן און פארמיי־דען א סך פון די ליידען, וואס פאלען אויף אויפ'ן גורל פון די ארבייטער און זייערע פאמיליעס אין דער צייט פון קראנקהייט.

דער ארבייטער רינג איז איבערציינט אז ארעמקייט, קראנקהייט און נויט צווי־שען די ארבייטער, זיינען דער רעזולטאט פון די איבלען פון אונזער עקאנאמישער סיסטעם, געגענזייטיגע הילף אליין וועט ניט אפשאפען די אורזאכען פון די נוי־טען פון די ארבייטער. אלס מיטגלידער פון ארבייטער רינג שטרעבען מיר דארום צו פאלשטענדיגער באפרייאונג פון דעם ארבייטער קלאס.

פאר דעם צוועק בעטראכט זיך דער ארבייטער רינג אלס א טייל פון דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג, ער שטרעבט צו העלפען די ארבייטער אין זייער פארזוך אויפצוהויבען זייער סטאנ־דארד פון לעבען דורך פארגרעסערען זייער פארדינסט, דורך פארקירצען די ארבייטס־שטונדען און פארשטארקען זייער איינפלוס אויפ'ן אינדוסטריעלען און פאליטישען געביט.

פון דעם שטאנדפונקט דארף יעדער מיטגליד פון ארבייטער רינג בעלאנגען צו דער יוניאן פון זיין פאך, און ווען ער וויל אויסנוצען זיין בירגער־רעכט אין צייט פון אירגענד וועלכע וואהלען, איז ער פארפליכטעט צו שטיצען די פארטייען, וואס שטעלען ארויס אין זייער פראג־ראם די איינפיהרונג פון פאליטישער פרייהייט און עקאנאמישער גלייכהייט פאר — 5539; געגען — 2612.

ארגאניזאציאנס פאנד

1) זאל דער ארגאניזאציאנס פאנד געהעכערט ווערען — פאר — 3398; גע־גען 3663.

2) דער אסעסמענט פאר'ן ארגאני־זאציאנס פאנד זאל געהעכערט ווערען פון 4 אויף 6 סענט א קווארטאל. — פאר 6643, געגען 2289.

3) דער נאציאנאלער ארגאניזאצ־יאנס קאמיטע זאל געגעבען ווערען דאס רעכט אריינצונעהמען אין ארבייטער רינג מיטגלידער, וועלכע געהען אריין מיט זייערע סאסייעטיס, וועמעס צאהל איז 500 מיטגלידער און העכער אין גרעסע־רע שטעדט, און 300 מיטגלידער אין קלענערע שטעדט, זאלען צאהלען זייע־רע אסעסמענטס צום מארטשוערי פאנד, לויט די יאהרען אין וועלכע זיי זיינען אריין אלס מיטגלידער אין זייערע סא־סייעטיס. דער אונטערשיד פון די צאה־לונגען זאל געדעקט ווערען פון די פאנדס פון דער סאסייעטיס. — פאר 3563, געגען 1637.

וועגען עדיוקיישאנאל ארבייט

שול־טעקס.

דער ארבייטער רינג שול־טעקס זאל געהעכערט ווערען מיט איין סענט פער קווארטאל. — פאר 9619, געגען 1227.

„פריינד".

זאל דער „פריינד" ערשיינען יעדען מאנאט? — פאר 5193, געגען 1396.

זאל דער „פריינד" ערשיינען איין מאל אין 3 מאנאטען? — פאר 3187, געגען 3382.

וועגען פארוואלטונג

1 די עקזעקוטיוו קאמיטע זאל האַ־בען דאס רעכט צו פאדערען פון די ברענטשעס זייערע ביכער צו אונטערזו־כען, און אויך קענן אנגעהמען געזעצליכע מיטלען, ווען דער ברענטש ענטזאגט זיך נאכצוקומען די פאדערונג פון דער עק־זעקוטיוו קאמיטע. — פאר 7841, גע־גען 388.

2) א מיטגליד פון דער פארוואל־טונג און די נאציאנאלע קאמיטעען פון ארבייטער רינג זאל ניט טארען זיין אין דער זעלבער צייט קיין פינאנס־סעקרע־טער אדער טרעזשורער אין אן ארבייטער רינג ברענטש — פאר 7785, געגען 888.

3) די רייזע־קאסטען פון די מיט־גלידער פון דער נאצ. באארד און די־רעקטארס זאלען איינהייטליך געדעקט ווערען פון דזשענעראל אפיס. — פאר 6272, געגען 1073.

4) א סומע פון 300 דאלאר יעהר־ליך זאל אסיגנירט ווערען פאר רייזע־קאסטען פון די דירעקטארען, אפצוגע־בען באריכטען אין ווייטערע שטעדט פון זייער סטייטס און אויך טאן ארגאניזא־ציאנס ארבייט. — פאר 6429, געגען 2445.

5) דער 1 פראצענט איינטריטס־געלד פון נייע מיטגלידער, וואס וועט אריינקומען פון דעם 1טען אקטאבער 1922 ביז דעם 1טען אקטאבער 1925, זאל געהן אויף צו דעקען דעם דעפיציט אין אדמיניסטריישאן פאנד, און אין פאל עס וועט בלייבען אן איבערפלוס, זאל דערמיט געדעקט ווערן די דעפיציטען פון אנדערע פאנדס. — פאר 7003, געגען 666.

וועגען סאניטאריום.

די סאניטאריום קאמיטע זאל האבען דאס רעכט אריינצונעהמען אלע באַ־צאהלטע פאציענטען, עלטערן פון מיט־גלידער און שוועסטער און ברידער, און קינדער פון מיטגלידער אין עלטער פון 16 ביז 22 יאהר. — פאר 8955, געגען 252.

אלד־אייזדזש האום.

1) א ספעציעלער פאנד פאר אן אלד־אייזדזש האום זאל עטאבלירט ווע־רען. — פאר 8281, געגען 514.

2) א 5־סענטינער טעקס זאל גע־צאהלט ווערען פער קווארטאל פון אלע קלאסען מיטגלידער. — פאר 8081, גע־גען 509.

3) די צאהלונגען זאלען זיך אנ־הויבען גלייך ווי דער רעפערענדום וועט געשלאסען ווערען. — פאר 8109, גע־גען 500.

קאנווענשאן.

1) די נעקסטע קאנווענשאן פון אר־בייטער רינג זאל אפגעהאלטען ווערען אין יאהר 1924, מיט א פארטרעטערשאפט פון 1 דעלעגאט פון יעדע 500 מיטגלי־דער. — פאר 2881, געגען 3653.

2) די נעקסטע קאנווענשאן פון אר־בייטער רינג זאל אפגעהאלטען ווערען אין ניו יארק אין יאהר 1925, מיט א פארטרעטערשאפט פון 1 דעלעגאט פון יעדען ברענטש, און צו 1 דעלעגאט פון יעדע 100. אויב עס ווערט באשלא־סען, אז די נעקסטע קאנווענשאן זאל זיין אין 1924, בלייבט עס די רעכט פון יע־נער קאנווענשאן צו באשטימען ווען די נעקסטע קאנווענשאן זאל געהאלטען ווע־רען און אויך די פארטרעטערשאפט. — פאר 6170, געגען 1294.

3) אין דער צייט, ווען עס וועט ניט אפגעהאלטען ווערען קיין רעגולע קאנווענשאן, זאל א קאנווענשאן געהאל־טען ווערן פון פארטרעטער פון סטייטס, צו ראטיפיצירען די ערוועהלטע עקזעקו־טיוו (לויט די אפשטימונג פון רעפערענ־דום). מיטגלידער פון דער נאציאנאלער באארד און דירעקטארס קענען זיין דע־לעגאטען צו דיזער קאנווענשאן. — פאר 5900, געגען 893.

ענדערונגען אין דער קאנסטיטוציע.

1) ארטיקעל 3, פאראגראף 1, זאל געענדערט ווערען. דער זאץ, וועלכער לעזט זיך:

„קאנדידאטען פון 38 ביז 45 יאהר אלט מוזען צושטעלען גענויע בא־ווייזע א. ז. וו."

זאל זיך לעזען:

„קאנדידאטען פון 43 ביז 45 יאהר אלט מוזען צושטעלן גענויע בא־ווייזע, אז זיי זיינען ניט עלטער ווי אנגעגעבען א. ז. וו."

— פאר 6994, געגען 686.

2) אויסשטרייכען פון דער קאנ־סטיטוציע דעם 22טען פאראגראף פון ארטיקעל 3, וועלכער לעזט זיך:

„די אפליקיישאן פון א קאנדידאט וועלכער איז צוריקגעוויזען געווארען פון דאקטאר, מוז פון ברענטש געשיקט ווע־רען אין דזשענעראל אפיס ניט שפעטער ווי 10 טעג נאך דער עקזאמינייישאן". — פאר 5784, געגען 489.

3) צו ארטיקעל 11 זאל צוגע־שטעלט ווערען פאלגענדער פאראגראף:

„ווען א מיטגליד אדער א ברענטש האט אן אפיל אדער קלאגע צו א מעמ־בער עט־לארדזש, דארף דער אפיל אדער די קלאגע אריינגעבראכט ווערען צו דער נאציאנאלער עקזעקוטיוו קאמיטע, וועמעס ענטשיידונג איז בינדענד". — פאר 4811, געגען 1649.

4) ארטיקעל 13, פאראגראף 10, וועלכער לעזט זיך:

„נאך דריטע 6 וואכען ביז 6 מאנאטען קען א מיטגליד ווערען ריאינסטייטעט א. ז. וו."

זאל זיך לעזען:

„נאך דריטע 6 וואכען ביז א יאהר קען א מיטגליד ווערען ריאינסטייטעט א. ז. וו."

— פאר 70744, געגען 410.

5) ארטיקעל 13, פאראגראף 11, זאל זיך געענדערט ווערען אין דיזען זין און זאל זיך לעזען:

„נאך דעם יאהר קען א געשטראכע־נער מיטגליד אריינגענומען ווערען אין ארבייטער רינג א. ז. וו." — פאר 5889, געגען 4416.

אלגעמיינע ביישטייערונגען צו אר־בייטער און ראדיקאלע ארגאניזאציעס.

„בונד" 1000 דאלאר. — פאר 5083, געגען 2715.

רענד סקול 1000 דאלאר. — פאר 5738, געגען 2013.

„קאל" 1000 דאלאר. — פאר 5346, געגען 2412.

סאציאליסטישע פארטיי:

נאציאנאלע הויז 1000 דאלאר. — פאר 4842, געגען 2838.

„פרייע ארבייטער שטימע" 000 דאַ־לאר. — פאר 4419, געגען 2992.

לאס אנדזשעלעס סאניטאריום 0000 דאלאר. — פאר 8214, געגען 123.

לאס אנדזשעלעס רעליף 1500 דאַ־לאר. — פאר 8248, געגען 114.

דענווער סאניטאריום 500 דאלאר. — פאר 7807, געגען 78.

עקס פיישענטס האום אין דענווער 500 דאלאר. — פאר 7842, געגען 196.

אמנעסטיע באוועגונג 1000 דאלאר. — פאר 1756, געגען 598.

האספיטעלער 5000 דאלאר. — פאר 9113, געגען 132.

„האיאס" 3000 דאלאר. — פאר 8174, געגען 116.

„מעסענדזשער" 250 דאלאר. — פאר 7337, געגען 298.

נאטוראליזיישאן אייד ליג 300 דאַ־לאר. — פאר 7143, געגען 379.

„סאקא־וואנזעטי דעפענס" 100 דאַ־לאר. — פאר 7945, געגען 135.

פערער סקול 50 דאלאר. — פאר 7129, געגען 360.

שיקאגא סיגארען מייקערס סטרייקער 50 דאלאר. — פאר 8037, געגען 71.

קראפאטקין ליטעראטור געזעלשאפט 50 דאלאר. — פאר 6468, געגען 484.

אלע ביישטייערונגען צו די אינסטי־טוציעס פון טאראנטא זיינען דורכגעגאנ־גען מיט א גרויסע מאיאריטעט שטימען.

וועגען די העכערונג פון ארגאניזאצי־אנס־פאנד האט די נאצ. עקז. קאמיטע אויסגעטייטש, אז דער פונקט איז דורכ־געפאלען.

דער פונקט וועגען אריינעמען אין ארבייטער רינג סאנאטאריום עלטערן און שוועסטער און ברידער פון מיטגלידער, נעהט גלייך אריין אין קראפט.

קעפ מאכער אינטערנעשאנאל פיהרט אן א קאמפיין צו ארגאַ־ניזירען די שעפער אין ניו דזשוירזי.

די יונייטעד קלאטה העט און קעפ־מייקערס יוניאן פיהרט אן א קאמפיין צו ארגאניזירען אלע קעפען־שעפער, וועלכע זיינען אויסגעוואקסען געווארען פאר די לעצטע צייט, וואס די יוניאן האט געפיהרט א קאמף מיט די באלע־באטים. אזעלכע מינים שעפער געפינען זיך אין די פארשיידענע שטעדטלאך פון ניו דזשוירזי. די יוניאן האט צו דעם צוועק אנגעשטעלט אלס ארגאנייזער דזש. ד. קענאן פון די מיינערס יוניאן און מיט איהם צוזאמען ארבייטען מיט אין דעם ארגאניזאציאנס־קעמפיין עקזע־קוטיוו מעמבערס. די ארבייט געהט אן מיט ערפאלג. די מיה פון די בעלי־בתים, וואס זיינען אוועק מיט זייערע שעפער פון ניו יארק נאך דזשוירזי סי־טי, וועט ניט העלפען, ווייל די יוניאן איז אין ניו יארק און איבעראל וואו מען ארבייט קאפען.

דער ערשטער סטרייק פון דעם אר־גאניזאציאנס־קעמפיין האט אויסגעבראַ־כען אין נארטה בוירגן, ניו דזשוירזי, ביי דער פירמע קעסנער און ראבינאוויץ, פון וועלכען שאפ עס זיינען ארויסגע 45 קאפען־מאכער אין א סטרייק, פאר בעסערע ארבייטס־באדינגונגען.

ווי סעקרעטער מאקס צוקערמאן, פון דער אינטערנעשאנאל קאפען מאכער יוניאן, האט ערקלעהרט, וועט דער אר־גאניזאציאנס־קעמפיין אנגעהן אין יע־דער שטאדט וואו עס געפינען זיך שע־פער פון קאפען.

אן ערנסטער מאָמענט אין אַמ. ארבייטער-געשיכטע

עס איז נאך צו פריה פאר א גענעראל-סטרייק פון אלע ארבייטער אין אמע-ריקא. פון אן אויפשטאנד איז דאך אוודאי נישט דאס צו ריידען. אבער אין פריזאן זיינען די ארבייטער-פיהרער שוין גרייט צו גיין, און וואַרשיינליך וועלען זיי איצטער געהן.

פון ב. מיימאן.

דאס לאנג-ערוואַרטעטע איז ענדליך געקומען אין דעם אייזענבאהן-סטרייק: אן אינדזשאנקשאן איז ארויסגעגעבען געוואָרען געגען די סטרייקערס — אן אינדזשאנקשאן, וואס האט זיין גלייכען נים אין דער גאנצער געשיכטע פון אמע-ריקא.

און די ארבייטער-פיהרער זאגען, אז זיי וועלען קעמפען געגען דיזען אינדזשאנק-שאן, ווי זיי האבען קיינמאל נים גע-קעמפט בעפאר — קעמפען דורך דעם, וואס דער אינדזשאנקשאן וועט ווערען באַ-האנדעלט ווי א „סקראפ אוו פייפער", דורך איגנארירען איהם אינגאנצען, אדער דורך באקעמפען איהם אויף דעם געזעצ-ליכען וועג, אדער דורך דעם לאזען מיט זיך אנפילען די געפענגעניסע פונ'ם לאנד, אזוי, אז עס זאל אויפרייסען די אויגען פון די פארשלאפענסטע אמעריקאנער, אדער נאך דורכ'ן ארויסרופען אן אלגע-מיינעם סטרייק פון אלע ארבייטער פון לאנד.

די רעגירונג, פון איהר זייט, זאגט, אז זי איז גרייט זאגאר צו געהן ווייטער ווי זי איז שוין געגאנגען. זי איז גרייט צו באנוצען דאס גאנצע מיליטער פון לאנד און טאן אבסאלוט אלעס וואס זי קען טאן צו העלפען טראנספארטאציאן פון די באהנען.

דאס איז דער אנגעצויגענסטער מא-מענט נים נאר פון דיזען סטרייק, נאר פון אלע צייטען, וואס מיר האבען ווענס אי-בערגעלעבט אין דיזען לאנד. דער ערנ-סטער מאמענט איז געקומען. אויב איי-נער פון די צוויי צדדים וועט נים איינ-בויגען דעם קאפ און זיך אינגאנצען אונ-טערגעבען, וועט דער איצטיגער קאמף זיין צווישען די צוויי שטארקסטע כחות פון לאנד: פון איין זייט די בעלי בתים מיט זייער גאנצען גרויסען פארמעגען און איינפלוס, מיט זייער פעסטען באשלוס צו צוברעכען די יוניאנס און איינפיהרען דעם „אפענעם שאפ", מיט דער גאנצער מאכט פון דער רעגירונג אויף זייער זייט אלס אפענע און אקטיווע מיטהעלפעריין אין זייער ארבייט; און אויף דער צוויי-טער זייט אלע ארבייטער פון לאנד מיט זייער כח צו מאכען, אז „אלע רעדער זאלען בלייבען שטיל, אויב זייער מעכטי-גער ארם דאס וויל".

אין דער אמעריקאן פעדערייש אן ביל-דינג הערשט א שטימונג ווי פאר אן ערנסטער מלחמה. קיינער ווייסט נים, וואס דער מארגען וועט ברייגנען, אבער אלע זיינען אין אזא ערנסטער שפאנונג, אז איהר זעהט בחוש, דאס מען מעג ער-ווארטען סיי דאס שעהנסטע און העל-דישסטע, סיי די ביטערסטע ענטוישונג. וואס וועט דאס זיין, א גרויסע, הערליכע טאט, אדער אזעלכע, וואס וועט ברייגנען יאוש אין די הערצער און א פארצווייפ-לונג, פון וועלכער ס'וועט זיך נים קענען באפרייען פאר א לאנגער, לאנגער צייט?

איך זיץ אין דעם א. פ. אוו ל. ביל-דינג און הער, ווי סעמיועל גאמפערס מאכט זיין סטייטמענט און ענטפערט אויף וויכטיגע פראגעס פון די צייטונגס-לייטע. איך הער, ווי ער זאגט מיט א פעסטער שטימע, אז דער אינדזשאנקשאן איז „א פארדאמטער פארברעכער", און אזעלכער, וואס „בארויבט די ארבייטער פון זייערע קאנסטיטוציאנעלע רעכטע", און אז די אמעריקאן פעדערישאן אוו ליבאר האט שוין לאנג געראטען איהרע מיטגלידער און די גאנצע אמעריקאנער ארבייטערשאפט צו באהאנדלען אינ-דזשאנקשאנס אלס א „סקראפ אוו פייפער". איך הער אויך ווי ער זאגט, אז עס איז זעהר מעגליך, אז „דער אינדזשאנקשאן מאכט ערשט דעם ריכטי-גען אנהויב פון דעם סטרייק, אז דאס וועט מאכען די ארבייטער-קעמפענדע רייהען גרעסער, שטארקער און פעסטער". ער דערמאנט, אז מ'מעג ערווארטען, אז דיזער אינדזשאנקשאן זאל אויפוועקען צו אקציאן די „טרעינמען, די טעלעגראפיס-טען, די מעינטענענס-אוו-וועי מען" און אלע אנדערע פאכען פון ארבייטער אויף די באהנען. איך הער ווי גאמפערס זאגט, אז „טראץ דעם אינדזשאנקשאן וועט די אמעריקאן פעדערישאן אוו ליי-באר מאכען אויפרופע פאר די סטרייקער און וועט אליין זיי העלפען מיט וויפיל זי וועט נאר קענען".

אבער זיי האבען מיט קיין ווארט נים ארויסגעזאגט זיך פאר דעם גאנצען אינ-דזשאנקשאן-קעמפיין, און דערפאר איז די לאגע פון דער רעגירונג אין וואשינג-טאן ווייט, ווייט נים קיין געהויבענע. און שוין צוליב דעם אליין האבען זיך די אקציעס פון דעם שאפמען-סטרייק נאך שטארק א הויב געטאן. און מען מעג האפען, אז באלד, באלד און די ארבייטער-באוועגונג וועט קענען פייע-רען נאך איינעם פון איהרע גרויסע זיגע.

פון דער א. פ. אוו ל. בילדינג געה איך אריבער די גאס. אין דער אנטקעגנע-דיגער בילדינג געפינט זיך די „העד-קוואַרטערס" פון דער מאשיניסטען יוניאן, און איך הער, ווי זייער פרעזידענט, ווי-ליאם ה. דזשאנסטאן, זאגט: „עס וועט נעהמען מעהר ווי איין אינדזשאנקשאן צו פארהינדערען די גאנצע רואינע פון א סך אייזענבאהנען אין די נעקסטע דרייסיג טעג צייט". און וועט נאך צו דעם צו מיט א פעסטען טאן, און מיט פארדריק-טע פויסטען:

„מיר וועלען אנהאלטען דעם סטרייק, וואס עס זאל נים פאסירען. מיר האבען קיין מורא פאר קיין זאך, וואס די געריכטען קענען טאן. מענשען האבען נאך קאנסטיטוציאנעלע רעכטע אין אמעריקא. און דיזע רעכטע וועלען מיר פא-רערען".

און איך גיב א פרעג איינעם פון די הויפט-באאמטע פון דער א. פ. אוו ל., צו דענקט ער נים, אז פון דעם קען זיך אויסלאזען דאסועלבינע, וואס עס האט זיך אויסגעלאזען פון דער אינדזשאנקשאן געגען דעם מיינערס סטרייק, מיט צוויי יאהר צוריק, ווען דזשאהן לואיס איז אויך געווען א גאנצער קנאקער, אבער ווען עס איז טאקע געקומען צום סאמע שפיץ, האט ער געקראגען קאלטע פיס, און געזאגט: „איך בין אן אמעריקאנער און קען נים פייטען מיין רעגירונג!"? דעם, וואס איך שטעל דיזע פראגע, קען איך אלס א געלאסענעם און גוט-באטראכ-טען מענשען. ער ווערט געוועהנליך נים באגייסטערט און ווערט נים מיטגעריסען מיט קיין פראזען. ער איז איינער פון די, וואס האט פיינט זיך אליין צו נארען, און צווישען איינענע רעדט ער גאנץ אפט אזוי פראנק און פריי, אז איינינע ארבייטער וואלטען דאס זאגאר געקענט אויס-מיטשען איס זעהר ניט-אינטעליגענט פאר זיי. איך פרעג דיזען א. פ. אוו ל.-מאן, צו דענקט ער נים, אז פון דעם איצטיגען קאמף געגען דיזער אינדזשאנקשאן, קען זיך פיילייכט אויסלאזען דאס, וואס עס האט זיך אויסגעלאזען פון די אלע פרי-הערדיגע קעמפע?

און דער ארבייטער-פיהרער בלייבט שטיל און פארטראכט א פאר מינוטען. ווי עס ווייזט אויס, איז דאס א געדאנק, וואס האט זיין איינענעם מוח גענומ-טשעט. דערנאך ענטפערט ער רוהיג און געלאסען: „נאטירליך קען קיינער נים זיין צו זיכער ווענען רעזולטאטען אין אזא וויכטיגער פראגע. קיינער קען נים ווי-סען באשטימט און פינקטליך וואס עס וועט פאסירען, ווען עס קומט טאקע צו א קאמף אויף לעבען און טויט צווישען צוויי שטארקע מעכטע. אבער ווי מיר שיינט, וועט דער איצטיגער אינדזשאנק-שאן ברייגען נאר אנדערע רעזולטאטען פון די, וואס די פריהערדיגע אינדזשאנק-שאנס האבען געבראכט. איין זאך איז זיכער: די ארבייטער וועלען דעם סטרייק נים אויפגעבען דורך דער אינדזשאנקשאן".

„אויב נים אויפגעבען דעם סטרייק מוז דאך עס מיינען קאמף?" — פרעג איך ווייטער. — „און זיינען דען די ארבייטער בכח צו קעמפען געגען דער ארגאניזירטער מאכט פון דער רעגי-רונג?"

„ניין", ענטפערט ער מיר. „עס מוז נים דוקא מיינען קאמף. עס קען זיך אויך מאכען, אז די פיהרער פון דעם סטרייק זאלען באשליסען רוהיג צו געהן אין די געפענגניסע פון לאנד, פאר נים פאלגען דעם אינדזשאנקשאן, און אנדערע זאלען איבערנעהמען די פיהרער-שאפט און אויך געהן אין געפענגניס, און אזוי ווייטער און ווייטער. עס זאל זיין א טאלסטאי'אישער נים-ווידערשטאנד פאליסי, און דאך א נים אונטערווארפען זיך דעם „ארדער" פונ'ם געריכט. עס זאל זיין א ווייזען די אמעריקאנער אר-בייטער, אז ביי אונז איז אויך נים קיין רוחח אין מארטירער. עס זאל אויך זיין אן אבציהונגס-לעקציע פאר די ארבייטער, אז זיי מוזען זיין גרייט צו קלעפען און ליידען פאר זייערע רעכטע, ס'איז נישט געפערליך, מ'מוז נים אימער עסען די, וואס וועלען געהן אין פריזאן און ס'איז א קליינער אומגליק, אז א פאר הונדערט ארבייטער-פיהרער וועלען עט-ליכע חדשים זיצען אין געפענגניס פאר די רעכטע פון די אמעריקאנער ארבייטער".

איך זעה זאגען, אז דיזער געדאנק, וואס איז דא אויסגעדריקט, שיינט צו זיין די הערשענדע מיינונג אין די קריי-זען פון די אמעריקאנער ארבייטער-פיה-רער. מיר שיינט, אז זיי זיינען פעסט באשלאסען איצטער זיך נים צו אונטער-ווארפען דעם „ארדער" פון דזשאדזש און וועלען נים אויפגעבען דעם סטרייק. יאהרען לאנג האבען די אמעריקאנער ארבייטער געשריען געגען „אינדזשאנק-שאן רעגירונג", און ענדליך זיינען זיי גרייט צו מאכען דעם טעסט. מיר שיינט, אז דיזער אינדזשאנקשאן וועט א סך, נאר א סך ארבייטער-פיהרער אריינפיה-רען אין די פריזאנס. פאר קיין אלגע-מיינעם סטרייק פון אלע ארבייטער איז די אמעריקאנער יוניאן-באוועגונג נאך נים גרייט. פאר קיין אויפשטאנד אוודאי נים. אבער די צייט איז שוין געקומען פאר נים אונטערווארפען זיך אונטער אינדזשאנקשאנס.

די אינדזשאנקשאנס אליין זיינען גע-ווארען אנדערע ווי זיי זיינען געווען אין דער פארגאנגענהייט. דער איצטיגער אינדזשאנקשאן נעהמט ארום אלעס און אלעס וואס איז נוגע דעם סטרייק. עס זיינען א פאר פון די זאכען, וואס ווערען פון דעם איצטיגען אינדזשאנקשאן פאר-באטען צו טאן:

עס איז פארבאטען צווישען זיך אדער מיט אימענד וועלכען אנדערען פערזאן צו שטערען די אייזענבאהן קאמפאניעס צו אנפיהרען זייער געזעצליכעס געשעפט.

עס איז פארבאטען צו שטערען אדער צו שטערען אימענד וועלכען ארבייטער ביי די אייזענבאהנען.

עס איז פארבאטען צו סטראשען, שרעקען, רופען נעמען, אויסלאכען, גע-בען אנצוהערעניש ווענען געפאר, אפ-שפעטען, אדער אפילו בעטען אימענד וועלכען ארבייטער אדער באאמטען פון די אייזענבאהנען. (גאמפערס האט זיך אויף דעם זעהר פיל אפגעשטעלט. ער האט געפרעגט: זינט ווען איז עס א פאר-ברעכען פון אמעריקאנער צו „שפעטען", אדער „בעטען" אימיצען פאר עפעס? ער האט דערביי אויך געזאגט, אז אנ-שטאט צו רופען די סטרייק-ברעכער „סקעבס", ווען ער פארשלאגען, מ'זאל זיי רופען „אינדאסטריאל ענדזשעלס". אין אידיש, ווילען מיר צוזעצען, וואלט מען זיי געדארפט אנרופען מיט דעם העברעאישען נאמען „מלאכי המלאכה", דאס וואלט געווען די ריכטיגע איבערזע-צונג פון גאמפערס'עס נאמען, וואס ער האט זיי געגעבען).

פיהרערס פון די סטרייקערס, און אלע אנדערע ארבייטער-פיהרער ווערט פאר-באטען צו געבען אימענד וועלכע דירעק-טיוועס, אדער עצות, דורך בריף, דורך טעלעגראף אדער טעלעפאן, דורכ'ן מויל אדער שריפט אין אימענד וועלכער פאר-מע, וואס זאל דירעקט אדער אינדירעקט שטערען די טראנספארטאציאן פון אייזענבאהנען, אפילו אינטערוויוס צו צייטונגען, וואס קענען האבען אימענד וועל-כע ווירקונג אויף דעם סטרייק, טארען נים געגעבען ווערען.

אלזא דיזער אינדזשאנקשאן איז אזעלכער, וואס זיך צו אונטערווארפען אונטער איהם הייסט טאקע פשוט איינ-גאנצען אויפגעבען די וואפע פון סטרייק. דאס וועט זיין אוממעגליך פאר די, וואס האבען יאהרען לאנג געשריגען אז זיי וועלען נים דערלאזען די רעגירונג זאל דורך דיזער מעטאדע ביי זיי צוגע-מען דאס רעכט צו סטרייקען. די צייט איז איצטער געקומען, זיי זאלען נעמען זייער מעדיצין, אדער אויף אייביג פאר-מאכען זייערע מיילער.

מיר שיינט, אז אפילו די גאנץ קאנסערוואטיווע ארבייטער-פיהרער וועלען איצטער נעמען זייער מעדיצין ווי מענער. זיי וועלען געהן אין פריזאן!

פאר א גענעראל סטרייק איז נאך צו פריה אין אמעריקא, פון א רעוואָ-לוציאן איז להבדיל נישטא וואס צו רעדען, אבער אנצוהויבען געהן אין פריזאן איז שוין יא געקומען די צייט. דאס איז דער אנפאנג פון דעם אמת'ען קאמף, נים מיט ווערטער, נאר מיט מא-טען. און אין דעם איצטיגען מאמענט זיינען די פיהרער באשלאסען אויף אלעס.

לידער

פון מ. פערעלמוטער

קיין אויסוועג נים

וואס עלטער ס'ווערט מיין קאפ,
אלץ איינגער ווערט מיין הארץ,
אלץ נארישער.

וואס קלערער ס'ווערט דער וועג,
אלץ ענגער ווערט מיין שטעג,
פארפלאנטערטער.

וואס שטילער ס'ווערט ארום,
אלץ העכער קלאפט מיין הארץ:
קיין אויסוועג נים!..

צו אַ פאַרציינעהער

דו פרעמדער,
צופעליגער פארבייגעהער
ווייכהארציגער, —
נים שרעק זיך פאר מיינע טרויעריגע,
מיט טרערען-פארלאפענע אויגען, —
ס'איז נארנים:
איך האב זיך בלויז דערמאנט,
א רגע בלויז האט דורכגעפלאמערט
א געדאנק,
אז דא, אין דער טרויאמער,
מיליאנידיגער שטאדט,
פארמאג איך איין מענשען בלויז,
וואס וואוינט ביי מיר אין הארץ, —
איין און איינציגען!
און זאל דעם איינעם, חלילה,
עפעס שלעכטס געשעהן,
בין איך א פארלארענער,
א פארפאלענער אויף אייביג... —
ניין, נים שרעק זיך פאר מיינע טרויעריגע,
מיט טרערען-פארלאפענע אויגען:
ס'איז נארנים!...

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President. S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. IV, No. 36. New York, Friday, September 8, 1922.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

די זיגרייכע מיינער.

לאנג, לאנג האבען זיי געמוזט קעמפען, און ציימענווייז האט עס אויסגעזעהן כמעט ווי אוממעגליך, אז זיי זאלען דעם קאמף אויסהאלטען. עס איז דאך ניט קיין שפאס צו שטעהן אין קאמף מאנאטען און מאנאטען, ווערענדיג מיט [illegible] אלץ הונגעריגער, אלץ עלענדער, אלץ מעהר און מעהר בארויבט פון אלץ, וואס מאכט פאר איינעם דאס לעבען ניט נאר אינטערעסאנט, נאר וגאר ערטרעגליך. אבער די בראווע, מוטיגע מיינער זיינען געבליבען שטאנדהאפטיג ביז דעם לעצטען מאמענט. זיי האבען באשלאסען, אז קיין פרוטה פון זייערע וויידזשעס זאל ניט גענומען ווערען, און זיי זיינען פון דעם באשלוס ניט אפגעטראטען אויף די ברייטקייט פון א האר. זיי האבען פון אנפאנג אן באשלאסען, אז זיי ווילען ניט קיין ארביטריישאן, און דאס עס מוז אויפגעהאלטען ווערען אין זיין גאנצער גאנצקייט דער פרינציפ פון קאלעקטיוו בארגעינינג, און ווי זיי זיינען געבליבען פעסט אויף זייער באשלוס. זיי האבען געזעהן, אז די מינדעסטע אפווייכונג פון זייערע פאדערונגען קען פיהרען צו דער אפשוואכונג פון זייער יוניאן, און דאן, אפשר, אויך צו איהר גענצליכען צושטערונג, און זיי האבען באשלאסען, מעגען זיי ליידען ווי שטארק, אבער זייער באשלוס ניט נאכצוגעבען דעם שטח וואס א האר איז ווערט, מוזען זיי זיך האלטען. און אט דאס, דיזע פעסטקייט, דיזע אויסדויער־קראפט, דיזע העלדישער שטאנד נעגען אלערליי איינווירקונגען, סיי פון די אייגענע ענגע פאמיליען־קרייזען און סיי פון דרויסען — דאס איז דער אמת'ער גרויסער זיג, מיט וועלכען מיר גראטולירען די מיינער און די גאנצע ארבייטער־באוועגונג.

**

עס איז ווירקליך שווער צו געפינען אין דער לעבענס־געשיכטע פון דער ארבייטער־באוועגונג א קאמף, וואס איז אנגעפיהרט געווארען אונטער גרעסערע שוועריגקייטען, ווי דער גרויסער מיינער סטרייק. עס וואלט שוין, אפשר, ניט אזוי שווער געווען איבערצוטראגען די פיזישע, קערפערליכע ליידען, ווי די גייסטיגע. וואס פאר א געוואלדיגע העצע עס איז אנגעפיהרט געווארען פון אונזער גאנצער פרעסע נעגען אט־די בראווע קעמפער! אין וועלכע שווארצע פארבען מען האט דאס געמאלען אט־דיזע טייהאלים, וועלכע האלטען די געזעלשאפט ביים גארגעל, אבי דאס זייערע אויסצופיהרען! ווי סטייטס, מענשען זאלען זיין אזוי גרויזאם און לאזען א גאנץ פאלק פארפרירען ווערען, א גאנץ לאנד רואינירט ווערען דערפאר, ווייל זיי קענען ניט קריגען די וויידזשעס, וואס זיי פארלאנגען! זייערע פיהרער, לואיס און אנדערע, זיינען געשילדערט געווארען אלס דיקטאטארען, אלס טיראנען. מענשען מיט עפעס שוואכערע כאראקטערע וואלטען ווירקליך ניט געקאנט אויסהאלטען אט־די העפטיגע אלגעמיינע „פראפאגאנדע". נים אבער די מיינער. ווי עס ווייזט אויס, האבען זיי גוט אט־די אלע פרישטערס פון מענשליכקייט. זיי האבען פארשטאנען גאנץ גוט, אז ווען זיי הערען זיך נאר איין מאמענט צו די אלע צוקער־זיסע דרשות, זיינען זיי פארלארען. און זיי האבען אט־די גאנצע נערעדעריי פשוט איגנארירט. זאלען זיי ריידען און בילען די פארקויפטע נשמות; אבער די מינען זיינען געבליבען פוסט, קיין פונט קויל איז ניט געגראבען געווארען ביז, ענדליך, עס האבען נאכגעגעבען ניט די מיינער, נאר די מינען־מאגנאטען.

**

דער ווילען פון די פאראייניגטע מיינער האט געבראכען, צושמעטערט דעם ווילען פון די מינען־אייגענטימער און פון אלע געוואלדיגע כוחות פון דער יוסטיץ, פון דער רעגירונג, פון דער פרעסע, וואס זיינען געשטאנען הינטער זיי. דער קליינער דוד האט באזיגט דעם מיראדיגען גלית הפלשתי. עס איז ווירקליך א געוואלדיגער זיג, א זיג פאר די מיינער, א זיג פאר דער ארבייטער־באוועגונג, א זיג פאר דעם יוניאניזם. ווארים מען דארף זיך ניט נארען, וואלט דער פארזוך פון די מינען־מאגנאטען זיך איינגעגעבען, און וואלטען די וויידזשעס פון די מיינער פארקלענערט געווארען כאטש אויף דאס מינדעסטע, און וואלטען די מינען־אייגענטימער אויסגעפיהרט זייער גרויסען, שטארקען וואונש ניט צו פארהאנדלען מיט די פיהרער פון דער יונייטעד מיין ווארקערס יוניאן דירעקט, פנים אל פנים, וואלט דאס ווירקליך געווען א טויט־קלאפ פאר דעם גאנצען אמעריקאנער טרייד־יוניאניזם. אמת, א שטארקען און ערשטען אפשטויס צו דעם פארלאנג צו פארקלענערן די ארבייטער וויידזשעס האבען דערלאנגט אונזער אינטערנעשאנעל, אונזערע קלאוקמאכער. אבער גרויס, ווי עס איז געווען די באדייטונג פון אונזער קאמף פאר אונזערע יוניאנס און פאר דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג, דאך, ווען די מיינער, די ארבייטער פון איינער פון אונזערע פונדאמענטאלסטע אינדוסטריען, וואלטען אנגענומען א שנים אין זייערע וויידזשעס, וואלט דאס זיכער ניט פארפעלט צו מאכען א נידערשמעטערנדע ווירקונג אויף די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט. דערפאר איז דער קאמף פון די מיינער ניט געווען בלויז א קאמף פון און פאר די מיינער, נאר פאר אונזער גאנצע ארבייטער־באוועגונג. דער זיג פון די מיינער איז דארום ווירקליך א זיג פון דער גאנצער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט. מען וועט שוין פאר א לאנגע צייט ניט הערען פון א פארזוך פון דער זייט פון קאפיטאל צו שניידען די ארבייטער־וויידזשעס און פון צוברעכען די ארבייטער יוניאנס. די מינען־אייגענטימער, וועלכע זיינען ארויסגעשטעלט געווארען אין קאמף, האבען זייער ערשטע און גרעסטע שלאכט פארלארען נעגען די פאראייניגטע מיינערס. עס איז ווירקליך געווען א גרויסע, א וואונדערבארע מתנה, וואס די ארבייטער איבער'ן גאנצען לאנד האבען געקראגען צו זייער ארבייטער יום־טוב, צו זייער לייבאר דעי. און גאמפערס איז דורך און דורך גערעכט, ווען אין זיין לייבאר דעי מעסעדזש צו די ארבייטער האט ער ווידערהאלט זיין אלטען שלאכט־רוף: ארגאניזירט אייך, ארגאניזירט אייך, ארגאניזירט אייך!

**

יע, דאס איז דער גרויסער לעסאן פון דעם גרויסען מיינער־קאמף. ווער וואלט אויף א מאמענט גערעכענט זיך גאר מיט דיזע אומגליקליכע קוילען־גרעבער, ווען זיי וואלטען ניט געהאט אזא וואונדערבארע ארגאניזאציע? זיי וואלטען דאך באטראכט געווארען, אלס די נידריגסטע צווישען די נידריגע, און שרעקליך ווי זייער ארבייט איז, וואלטען זיי געווען צווישען די ערגסט־באצאהלטע. ווי דאס איז אויך געווען דער פאל איידער די מיינער האבען זיך פאראייניגט אין א גרויסער מעכטיגער יוניאן. ניט אזוי אבער איצט. מען קריצט מיט די ציינער, מען זידלעט זיי, מען שילט זיי אלס מאנאפאליסטען, וואס האלטען אמעריקא אין זייער מאכט, אבער מען האט פאר זיי א מוראדיגען דרך־ארץ. א קאבינעט־מיניסטער פאהרט זיך זעהן מיט זייער פיהרער, וועלכער איז אליין א געוועזענער מיינער. סענאטארען ארבייטען מיט אלע כוחות, אפשר וועלען זיי פועל'ן די מינדסטע הנחה ביי דעם מיינער־פיהרער. פרעזידענט הארדינג סטראשעט, אבער ער מוז זיך באלד מודה זיין בפרהסיא, אז נעגען די פאראייניגטע מיינערס איז ער מאכטלאז. דאס איז די געוואלדיגע קראפט פון זיין באמת ארגאניזירט. קיין גרעסערע דעמאנסטראציע פון ארבייטער־אייניגקייט, פון ציל־באוואוסטזיין, פון 600 טויזענט ארבייטער, קען מען זיך קוים פארשטעלען.

דער אינדזשאנקשאן נעגען די שאפמען־סטרייקער.

לעצטען פרייטאג איז אמעריקא איבערראשט געווארען פון דעם אינדזשאנקשאן, וואס אונזער רעגירונג האט ארויסגעקראגען נעגען די שאפמען־סטרייקער. און די איבערראשונג איז געווען פון א דאפעלטען כאראקטער. ערשטענס, האט די פרעסע, אונזער אמת־ליבענדע פרעסע, שוין באלד איינגערעדט אונזער אמעריקאנער עולם, אז דער שאפמען־סטרייק איז שוין זיכער פארלארען; אז די באהנען לויפען, ווי געוועהנליך, אז זייערע שעפער זיינען פול באזעצט מיט די נייע ארבייטער, און דאס די ארבייטער לויפען ווי אין א ריס זיך אנבאטען מיט זייערע ריכסטע מאט־שענליך אין די טויזענטע. דער עולם האט געלייענט דיזע באריכטען פון די באהן־קאמפאניעס אין די צייטונגען, און — ער האט געגלויבט. אייל, וואס קען מען דעם עולם ניט איינרייערן? מיט אמאל שטעלט אטוירני־דזשענעראל דאהערטי פאר א שיקאגא'ר ריכטער, און פאדערט אן אינדזשאנקשאן נעגען די סטרייקער. פאדערט אן אינדזשאנקשאן אויף דעם סמך, וואס באלד, באלד, און עס וועט ניט זיין קיין איין לאקאמאטיוו, וואס זאל קענען אהן גרויסע לעבענס־געפאהר פיהרען די באהנען. דער עולם האט געלייענט און געשטוינט. ערשט נעכטען האבען זיי געגלויבט, אז אלעס געהט כשורה, אז סטרייק־ברעכער זיינען דא לרוב, אז די סטרייקענדע שאפ־ארבייטער לויפען גאר אין די שעפער, אום צו פארנעהמען זייערע שטעלען, גארניט קימערענדיג זיך וועגען זייערע פריהערדיגע רעכטע, און פלוצלונג — נא דיר, דער סטרייק קען פיהרען צו דער אפשטעלונג פון גאנצען באהן־פארקער, און בדי דאס זאל ניט געשעהן, מוז דער דזשאדזש ארויסגעבען אן אינדזשאנקשאן. די דאזיגע ידיעה איז פאר אונזער גלויביגען עולם געווען, ווי א דונער פון לויטערען הימעל. ער האט דערפיהלט, ווי מען האט איהם די גאנצע צייט נעבלאפט.

**

א צווייטע איבערראשונג איז געווען פאר איהם דער אינדזשאנקשאן אליין. די אמעריקאנער געריכטען זיינען קיינמאל ניט געווען קארג אויף אינדזשאנקשאנס נעגען סטרייקער, אבער אזא אינדזשאנקשאן, ווי אטוירני דזשענעראל דאהערטי האט עס געפאדערט, און אויך נעקראגען, איז ווירקליך אן איבערראשענדע נייעס. מאלט אייך, אז לויט דעם אינדזשאנקשאן, טארען די סטרייקער זאגאר ניט ריידען מיט קיינעם פון די סטרייק־ברעכער, און זיי ערקלעהרען, אז זיי האנדלען ניט שעהן. די סטרייקער טארען ניט אפהאלטען קיין מיטינג. טאמער ווילט איהר ערקלעהרען, אז איהר האלט מיט די סטרייקער, טארט איהר עס ניט, און איהר קענט אנגעקלאגט ווערען פאר'ן געריכט. איהר טארט ניט פארערען קיין שטיצע פאר די סטרייקער, און נעבען אוודאי ניט. בקיצור, א שרעקליכער אינדזשאנקשאן.

**

און, מערקווירדיג, דער אינדזשאנקשאן איז שוין באלד א וואך אלט, און ניט נאר האט ער ניט אפגעשטעלט דעם סטרייק, נאר ער האט איהם געגעבען ערשט דעם ריכטיגען אימפעט. די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון אמעריקע — מיר ווייסען ניט, צי מיר מעגען עס שרייבען, לויט דעם אינדזשאנקשאן, צי ניט, נאר מיר רעזיקירען — וועלכע איז ביז איצט געווען גלייכגילטיג צו דעם שאפמען־סטרייק, ווייל זי האט ווירקליך געמיינט, אז דער סטרייק איז פארלארען, האט ערשט איצט זיך שטארק פאראינטערעסירט מיט די סטרייקער, און געלד פאר'ן סטרייק האט אנגעהויבען אנקומען פון אלע זייטען. מעהר נאך, מען רעדט גאנץ שטארק מכח א דזשענעראל סטרייק, ווייל, ווי עס הייסט, האבען די אמעריקאנער ארבייטער ענדליך איינגעזעהן, אז דער דאזיגער קאמף נעגען „רעגירונג דורך אינדזשאנקשאן" טאר מעהר ניט אפגעלעגט ווערען. עס קומט, אלזא, אויס, אז דער דאזיגער אינדזשאנקשאן האט געהאט פונקט די פארקעהרטע ווירקונג, ווי אונזער רעגירונג אין וואשינגטאן האט עס ערווארטעט. דער אינדזשאנקשאן, וואס האט עס געזאלט זיין די לעצטע לאפעטע ערד אויף דעם שאפמען־סטרייק, האט נאר געמאכט דעם „בר מנן" זיך אויפהויבען אויף די פיס און אויסשרייען פאר דער גאנצער וועלט: „איך לעב נאך. איהר האט זיך א ביסעלע צוגעאיילט אין וועלען מיך מקבר זיין!"

גאמפערס'עס ראליע אין דעם קאמף.

סעמיועל גאמפערס'ען קומט דער פולסטער קרעדיט פאר זיין מוטיגען ארויסטריט אזוי שנעל, ווי דער דאזיגער ציימווייליגער אינדזשאנקשאן איז ארויסגעגעבען געווארען. גאמפערס איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט אנגעהויבען רעדען פון דער מעגליכקייט פון א דזשענעראל־סטרייק נעגען די דאזיגע פארגוואלדיגונג פון דעם רעכט פון יעדען בירגער. גאמפערס איז געווען דער ערשטער, וועלכער, שוין נאך דעם אינדזשאנקשאן, האט אין א בריף צו מר. דזשועל, דעם פרעזידענט פון די שאפמען, פארפליכטעט זיך און די גאנצע א. פ. אוו ל. צו העלפען די סטרייקער מיט אלץ, וואס איז נאר אין זיינע כחות. עטוואס, וואס קען פון א כיטרען לאיער אויסגעטייטשט ווערען, אלס א פארשוועכונג פון דעם אינדזשאנקשאן. און אין וואשינגטאן ברעכט מען זיך די מוחות, וואס טוט מען מיט מען גאמפערס'ן? ווי מאכט מען איהם צו די מויל? נאך מעהר, די גאנצע קאפיטאליסטישע פרעסע, וואס האט אין אנפאנג מיט אזא פרייד געמעלדעט וועגען דעם אינדזשאנקשאן, פיהלט איצט א שרעקליכען קאצענדזשאמער. זי גיט צו, אז דאהערטי, דער אטוירני דזשענעראל, האט פארלאנגענדיג דעם אינדזשאנקשאן געטרעט אזעלכעס, וואס ער האט ניט געטארט; אז געגאנגען מיט זיינע רייד, אין וועלכע ער האט געמאלען דעם טרויעריגען צושטאנד פון די באהנען, צוליב דעם שאפמען־סטרייק, האט ער צוגעגעבען די סטרייקער נייעם מוט. אויך דעם זעהט אונזער פרעסע איין, אז דער דאזיגער אינדזשאנקשאן האט שוין א ביסעל צו שטארק איבערגעכאפט די מאס. מען רעדט שוין פון דעם, אז דער דאזיגער אינדזשאנקשאן, וואס איז דערווייל נאר א ציימווייליגער, זאל מוזען שטארק „מאדיפיצירט" ווערען. אט וואס אפילו די „טיימז" זאגט וועגען דעם אינדזשאנקשאן אין א לייט־ארטיקעל פון לעצטען מאנטאג.

עס איז וויכטיג צו נאטירען ריכטיג, וואס האט פאסירט. א פעדעראל ריכטער, אויף דעם פארלאנג פון דעם אטוירני דזשענעראל פון די יונייטעד סטייטס, האט ארויסגעגעבען א דראסטישען אינדזשאנקשאן. אבער דער אינדזשאנקשאן איז נאר א דערווייליגער. די קאורט וועט זיין אפען דעם 11טען סעפטעמבער, אום אויסצוהערען די טענות פון דער יוניאן פון די שאפ־מען. אלס א רעזולטאט פון דעם ארגומענט קען זיין, אז דער אינדזשאנקשאן זאל ניט געמאכט ווערען פאר שטענדיג. מעהר ווארשיינליך, וואס ער גאנץ שטארק געענדערט ווערען. עס קומען אבער ערהענדישען פון וואשינגטאן, אז דער אטוירני דזשענעראל אליין וועט פארלאנגען געוויסע ענדערונגען. ער קען מאכען א פארשלאג צו אויסמעקען געוויסע טיילען, וועלכע זיינען, ווי עס זעהט אויס, נעגען דעם פעדעראל געזעץ, אדער שטארק אין ווידערשפרוך מיט איהם, אדער אויסצומיידען אזעלכעס, וואס געזעצליך אדער ניט, איז אבער אויגענשיינליך אנזיניג, און קען גארניט אויסגעפיהרט ווערען..."

מען זעהט, אלזא, וואס אפילו די „טיימז" דענקט וועגען דעם אינדזשאנקשאן, און ניט, ווייל ער איז פאר איהר ווירקליך צו שטרענג, נאר, ווייל אלע פיהלען, אז דער אינדזשאנקשאן האט ארויסגעבראכט די גאנצע אומזיניגקייט און פארברעכערישקייט פון אינדזשאנקשאנס איבערהויפט; ווייל די „טיימז" און אלע אנדערע פיהלען, אז דער אינדזשאנקשאן, וועלכער איז געמיינט געווארען צו העלפען די באהן־קאמפאניס אין זייער נאבעלען קאמף נעגען יוניאניזם, האט נאר געהאלפען די סטרייקער אין זייער קאמף פאר זייערע אונטערשטרייטבארע רעכטע בפרט און פאר די עקזיסטענץ פון דער יוניאן בכלל. דער אינדזשאנקשאן האט אויפגעמאכט אזוי פיל, דאס עס זייטען די באהן־קאמפאניס ניט, וועלכע פאלען אן אויף דעם דזשענעראל אטוירני, וואס דאס איז דער זעלבע, ווי אויף דער גאנצער רעגירונג אין וואשינגטאן. ווארים עס איז קלאר, אז דער אטוירני דזשענעראל איז אין דעם פאל געווען בלויז דער משרת פון הארדינג'ען און זיין גאנצען קאבינעט.

**

און פאר דאס אלעס קומט ווירקליך קרעדיט דעם אלטען מוטיגען סעמיועל גאמפערס פאר זיין באלדיגען מוטיגען פראטעסט נעגען דעם אינדזשאנקשאן און פאר זיין האנדלען נעגען דעם גייסט פון דעם אינדזשאנקשאן, ניט אכטענדיג אויף די קאנזעקווענצען פאר איהם פערזענליך פון אזא האנדלונג. נאטירליך, איז שווער צו זאגען, ווי דער אמעריקאנער עולם וואלט אויפגענומען די דאזיגע פאסירונג, ווען סעמיועל גאמפערס וואלט געשוויגען. מעגליך, אז די וואלט, אפשר, אויך געשוויגען. און טאמער וואלט זיך געפונען אימיצער און געזאגט א ווארט, וואלט עס אפשר ניט געהאט דעם נויטיגען אפקלאנג. גאמפערס ארויסטריט האט אבער יע געהאט די נויטיגע ווירקונג. ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט געבראכען דאס אייז פון גלייכגילטיגקייט. ער האט מיט זיינע עטליכע מוטיגע ווערטער און מיט זיין אנצוהערעניש פון א דזשענעראל סטרייק אויסגעדריקט א גאנץ שטארקען געפיהל פון דער גרויסער ארבייטערשאפט. און דאס איז א גרויסער, א זעהר גרויסער פארדינסט.

**

זאל דא נאך אויפמערקזאם געמאכט ווערען, אז אין דער דאזיגער אינדזשאנקשאן־אנגעלעגענהייט שטעהט די רעגירונג כמעט איינזאם. דער קאנגרעס און סענאט האבען אנגענומען א פולען מויל מיט וואסער און שווייגען. צי דערפאר, ווייל זיי זיינען ניט איינפארשטאנען מיט אזעלכע שטארקע האנדלונגען, וואס דערמאנען באלד אן דעם באלשעוויסטישען רעזשים אין רוסלאנד בנוגע די אלע, וועלכע גלויבען ניט אין איהם, צי, ווייל עס איז ערב עלעקשאן, און דער וואוט פון די ארבייטער צעהלט זיך פונקט אזוי גוט, ווי דער וואוט פון דעם מיליאנער — ווי דאס זאל ניט זיין,

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון א סטעף רעפארטער.

די אונזערע לעזער וויסען אז פרע-
זידענט שלעזינגער איז יעצט אין איראפא
אויף א שליחות פון דער אמעריקאנער
ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג צו
דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג
פון ענגלאנד; ער איז געשיקט געווארען
פון דער אמעריקאן פעדערישאן אוו לייי-
באר אלס פראטערנאל דעלעגאט צום ברי-
טיש טרייד-יוניאן קאנגרעס.

אין די „גערעכטיגקייט" איז די אנ-
געלעגענהייט גענוג באשריבען געווא-
רען; אין אונזער אייגענער פרעסע איז
שוין אנגעוויזען געווארען אויף דער
וויכטיגער מיסיע, וואס די אמעריקאנער
ארבייטער באוועגונג האט אנפארטרויט
פרעזידענט שלעזינגער; עס איז אויך
באוויזען געווארען, דאס שלעזינגער'ס
פארשטעלונג צו דעם אמט, ברייננט א סך
כבוד און פרעסטיזש, ניט נאר אונזער איי-
גענע, אינטערנעשאנאל יוניאן, נאר אנדערע
די גאנצע אידישע ארבייטער באוועגונג,
— באזונדערס אלע אימיגראנטען-יוניאנס
פון לאנד.

עס פארשטעהט זיך, אז וועגען דער
אנגעלעגענהייט האט זיך אנגערופען די
גאנצע פרעסע פון לאנד. כמעט יעדע
צייטונג האט געהאט צו זאגען א ווארט
וועגען דעם. עס האבען געשריבען אי
פריינד, אי שונאים.

די פריינד, נאטירליך, האבען
די ערשיינונג באגריסט מיט פרייד און
די שונאים האבען געשריבען וועגען דעם
מיט ציהן-קריצעניש, מיט צופוסעניש...
מיט הארץ-ווערטאג.

די פריינדליכע פרעסע, די וואס איז
פריינדליך צו דער טרייד-יוניאן באוועגונג,
האט געזעהן אין דעם פאקט א פרייליכע
ערשיינונג און האט עס באגריסט מיט
שמחה. וועהרענד די פיינדליכע פרעסע,
די וואס טוט כסדר זוכען דעם „אונטער-
גרונט", אדער הינטערגרונד", די וואס איז
פיינדליך צו אונזער יוניאן און זוכט תמיד
ווי אזוי זי אונטערצוגראבען, — האט עס
באגלייט מיט כישוף'ע טרערן, דערביי
ארויסגעצייגט א היבש ביסעל ליגענס,
די מיר וועלען עס שפעטער אנווייזען.

לאמיר פריהער זעהן, וואס די
פריינדליכע פרעסע האט געזאגט וועגען
דעם ענין.

אין א עדיטאריעל אין „פארווערטס"
אונטער דעם קעפעל: „גענ. ב. שלעזינ-
גער'ס שליחות צו דער יוניאן באוועגונג
אין ענגלאנד", איז געזאגט געווארען:

„גענ. בענדזשאמין שלעזינגער, דער
פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל לעידיס
גארמענט וואירקערס יוניאן, פאהרט אפ קיין
ענגלאנד אלס דעלעגאט פון דער אמעריקאן
פעדערישאן אוו לייבאר צו דעם טרייד-יוני-
יאן קאנגרעס. גענ. שלעזינגער וועט ביי די-
זען צוזאמענפאהר פון דער גאנצער ארגאני-
זירטער ארבייטערשאפט פון ענגלאנד רעדען
אין דעם נאמען פון דער גאנצער ארגאניזיר-
טער ארבייטערשאפט אין אמעריקא. די
שליחות, אין דיזען מאמענט ספעציעל, איז
פון גרויס וויכטיגקייט און פון גרויסער
באדייטונג. אין דער געשיכטע פון דער
אוניאניסטישער ארבייטער באוועגונג אין די
צוויי גרויסע לענדער איז די נאהענטקייט און
דער איינפלוס וואס איינע איבט אויס אויף
דער צווייטער, קיינמאל נים געווען אזוי
גרויס און אזוי טיף ווי איצטער, און דער-
פאר איז די ראלע וואס די פארשטעהער וועל-
כע ווערען געשיקט פון איין לאנד צו דער
אנדערער, צו די ארבייטער קאנווענשאנס
קיינמאל נים געווען פון אזא גרויסער בא-
דייטונג און פון אזא גרויסע וויכטיגקייט
ווי איצטער.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז פאר דער
אידישער ארבייטער באוועגונג, איז שלעזינ-
גער'ס אויסוואהל אלס דעלעגאט צו דער ענג-
לישער טרייד-יוניאן קאנווענשאן א טרי-
אומף. יעדערער פון אונז וואס זיך לייכט
ערינערען אין דער צייט, ווען די אידישע
יוניאנס זיינען באטראכט געווארען אלס
פרעמדע אין דער קערפערשאפט פון דער
אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, און ווי
האבען אין איהר קיין שום ראלע נים גע-
שפילט. עס איז געווען דערפאר, וואס אונ-
זערע יוניאנס זיינען דאמאלס געווען, ער-
שטענס, זעהר שוואך און, צווייטענס, ווייט
אפגעזונדערט. דער גרויסער וואוקס פון
אידישע ארגאניזאציאנען און די
באקאנטשאפט וואס די פארשטעהער פון די
אידישע יוניאנס האבען ארויסגעוויזען אין
די גרויסע אלגעמיינע פראגען וואס ריהרען אן
דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט האט מיט-
געבראכט די ענדערונג, וועלכע האט מעג-
ליך געמאכט, אז א פרעזידענט פון א אידישער
אינטערנעשאנאל זאל געשיקט ווערען אויף
אזא אונגעהויער וויכטיגע און עהרענהאפטע
שליחות.

די אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט
וואירקערס יוניאן מעג שטאלצירען מיט דיי-
זער אנערקענונג, וואס די גאנצע אמעריקא-
נער ארבייטערשאפט האט געגעבען איהר אלס
ארגאניזאציאן און איהר פרעזידענט אלס

פרעזידענט שלעזינגער אלס „פראטערנאל דעלעגאט" צום בריטיש טרייד-יוניאן קאנגרעס. — די מיינונגען אין דער פרעסע פון „רעכטע" און „לינקע" — א „ריכטיגער" ליגען וואס מען קאן שמעקען מיט'ן חוטם. — וואס הערט זיך ביי די קלאוקמאכער אין באסטאן? — א אינטערעסאנטע שילדערונג.

ערפאהרענער פיהרער, גענ. שלעזינגער האט
מיט דער שליחות אנערקענט געווארען אלס
איינער פון די ווערטע פיהרער אין דער אר-
בייטער באוועגונג פון גאנץ אמעריקא. די
גאנצע אויסצייכענונג דערדינען זיך בלויז די
פעהיגקייט, און גענ. שלעזינגער איז, אהן
צווייפעל, איינער פון די פעהיגסטע אין
דער טרייד יוניאן באוועגונג אין אמעריקא.
מיר ווינשען גענ. שלעזינגער ערפאלג
אין זיין מיסיע און מיר גראטולירען איהם
מיט דער אנערקענונג וואס ער האט זיינע
פילע יאהרען פון טרייע און פעהיגע דינסט
צו זיין יוניאן ספעציעל און פון דער אר-
בייטער באוועגונג אין אלגעמיין געווונען."

ווי איהר זעהט, איז דער עדיטאריעל
אין „פארווערטס" געשריבען אין איינ-
פאכע ווערטער, איז געשריבען צו דער
זאך און דריקט אויס דעם אמת'ן סענ-
טימענט.

גאנץ אנדערש אבער איז עס געווען
מיט דער קאמוניסטישער „פרייהייט".

אויך די „פרייהייט" האט געהאט אן
עדיטאריעל וועגען דעם ענין. און ווי
דער שטייגער איז מיט די „פרייהייט"-
עדיטאריעלס, האט ניט געפעלט דארט
קיין ליגענס, און נאך אזעלכע ליגענס,
וואס יעדער קאן ווי ממש אנטאפען מיט'ן
האנט. אבער וואס ווילען ניט טאן די
עדיטאריעל-שרייבער פון די „פרייהייט",
כדי ארויסצוקומען ביים „אונטערגרונט"?

מיר ווילען ניט באפלעקען די „גע-
רעכטיגקייט", באשמוצען איהרע קאלומס
מיט'ן גאנצען שמוץ פון יענעם סי-
שטייגעם געזאגט, „עדיטאריעל", עס
ווערט גענוג זיין צו געבען בלויז א פאר
ווערטער, און די לעזער וועלען שוין אליין
זיך אנשמועסען דאס איבעריגע. דער
„עדיטאריעל" פאנגט זיך אן בזה הלשון:

„היינט פאהרט שלעזינגער אפ צום בריטי-
שען טרייד-יוניאן קאנגרעס.

בענדזשאמין שלעזינגער איז ניט קיין
פראסטע פערזאן: ער איז דער פרעזידענט
פון א גרויסער יוניאן, איינער פון די
גרעסטע אין לאנד.

בענדזשאמין שלעזינגער וועט פארטרעטען
ניט נאר די אמעריקאן פעדערישאן אוו לייי-
באר, נאר, אין דער ערשטער ליניע, זיין
„אייגענער" יוניאן, די אינטערנעשאנאל לעי-
דיס גארמענט וואירקערס יוניאן, וועלכע בא-
שטעהט הויפטזעכליך פון קלאסען-באוואוסטע
אידישע ארבייטער".

ווי געפעלט אייך אזא מין שרייבען?
אזא מין ענטדעקען אמעריקע? ווי דער-
צעהלען דא וואושנע זאכען, וואס קיינער
ווייס נישט... עס קלינגט, למשל, ווי איי-
נער זאל זיך אוועקזעצען שרייבען אן אר-
טיקעל וועגען „וואס איז וואסער", און
וואלט אנגעפאנגען: וואסער איז נאס.
מען באנוצט עס צום קאכען, צום טרינ-
קען, אויסצולעשען א פייער און אזוי וויי-
טער.

יא, פונקט אזוי חכמה'דיג פאנגט זיך
אן יענער עדיטאריאל.

אבער דערביי אליין בלייבט עס נים.
פון נארישקייט געהט עס איבער אין גע-
מיינקייט, פון פוסטקייט געהט עס איבער
אין ביזוויליגקייט.

וועהרענד די ערשטע דריי פאראגרא-
פען, וואס מיר האבען דא געבראכט, איז
געשריבען נאריש, לעמעשקעוואטע, איז
אבער דער פערטער פאראגראף, וואס מיר
וועלען באלד אנווייזען, — געשריבען
גאנץ ביזוויליג, חעכסט ליגענריש!

ארדבא, זעהט וואס דארט ווערט גע-
זאגט:

„בענדזשאמין שלעזינגער וועט, מסתמא,
מאכען א גאנצע רייהע ספיטשעס (רעקלער-
ראציעס) און חלשען אלערליי פעטליכע
„געשרעבען", ווי עס איז דער שטייגער פון
מוער, וואס זוכען בארימטהייט אין אויס-
לאנד, ווען ווי קענען זי נים באקומען ביי
זיך אין דער היים".

וואס זשע מיינט עס? וואס ווערט
דא געזאגט?

עס ווערט געזאגט, אז פרעזידענט
שלעזינגער איז געפאהרען אין אויסלאנד
„זוכען בארימטהייט", ווייל ער קען עס
„נים באקומען ביי זיך אין דער היים".

דאס איז א באוואוסטזיניגער ליגען,
וואס מען קען ממש אנטאפען מיט'ן
האנט. וואס מען זאל אויף שלעזינגער
נים זאגען און אויסטראכטען — מען קען
אבער נים זאגען, אז אין דער היים „קען
ער נים באקומען בארימטהייט", און דא-
ריבער האט ער געדארפט פאהרען עס
„זוכען אין אויסלאנד". דאס צו שריי-
בען איז געמיין, ליגנעריש און פארלוים-
דעריש!

עס איז אלעמען באוואוסט, דאס אין
פארבינדונג מיט די קאמפען פון אונזער
אינטערנעשאנאל אין די לעצטע עטלי-
כע יאהר איז שלעזינגער'ס נאמען פיל
געווען אין דער גאנצער אמעריקאנער
פרעסע, סיי אויף די ערשטע זייט פון
די צייטונגען און סיי אין די עדיטא-
ריאלס, און ער האט באקומען גענוג „בא-
רימטהייט" אין דערהיים, ער זאל נים
דארפען פאהרען עס זוכען אין אויס-
לאנד. דאס איז אזוי פשוט, אז יעדער
איינפאכער מענש ווייס עס. היינט ווי
קומט עס, דאס די עדיטאריאל-שרייבער
אין די „פרייהייט" זאלען דערפון נים
וויסען?...

אין דער תירוץ — דער „הינטער-
גרונד"! אט דער מאנסטער פאדערט,
מען זאל „נאקען" די אינטערנעשאנאל,
און איבערהויפט איהר פרעזידענט, און
קיין ליגען איז נים צו גרויס, ווען עס
דארף געטאן ווערען אט די „רדרעוואלו-
ציאנערע" ארביים!... שטעלט אייך
פאר! די „רויטע" ליגנער וואלטען שוין
לאנג צוריק געמאכט א רעוואלוציע אין
אמעריקע, נאר שלעזינגער דערלאזט
נים... אזא „רעאקציאנער"! קיין לי-
גען אויף איהם זאל דאריבער נים צו
גרויס זיין!..

און די רויטע חברה'ניקעס שיטען מיט
ליגענס אויף וואס די וועלט שטעהט!
אין באצוג שרייבען ליגענס, האבען זיי
שוין געמאכט א רעוואלוציע. אז מענשען
האבען א ליניפאל אויף „מאכען רע-
וואלוציעס", איז דאך נים שייך.

וואס הערט זיך ביי די קלאוקמאכער אין באסטאן?

ברודער אב. סניידער, דער מענע-
דזשער פון דזשאינט באארד פון די באס-
טאנער קלאוקמאכער יוניאן, שרייבט
וועגען דעם פון צייט צו צייט אין די „גע-
רעכטיגקייט", און לאזט אונז וויסען,
וואס עס הערט זיך ביי די קלאוקמאכער
אין באסטאן. ער שרייבט אבער נים צו
אפט, און עס וועט נים שאדען, ווען מיר
וועלען דא דערווייל איבערגעבען, וואס
אן אנדערער האט וועגען דעם צו זאגען.

מיט א קורצע צייט צוריק איז וועגען
דעם ענין געווען אן אינטערעסאנטער אר-
טיקעל אין דער באסטאן אויסגאבע פון
„פארווערטס", געשריבען פון ס. ר ע-
נ ע נ ב ע ר ג, פון וועלכען מיר
נעמען ארויס דאס פאלגענדע:

„וואס הערט זיך ביי די באסטאנער קלאוק-
מאכער? האט זיך דער סיזאן שוין אנגע-
פאנגען און צי וועט ער זיין א גינסטיגער
פאר די ארבייטער? ווי אזוי האבען די
באסטאנער קלאוקמאכער אויפגענומען דעם
זיגרייכען סעטלמענט פון זייערע ניו יאר-
קער ברידער?

מיט דיזע פראגען אין זינען איז דער
שרייבער פון דיזע צייליען אוועק אין אפיס
פון דער באסטאנער קלאוקמאכער יוניאן,
זיך צו זעהן מיט'ן מענעדזשער גענאסע
סניידער און דורכרעדען זיך מיט איהם וועגען
דעם בוסטאנער טרייד און וואס די
יוניאן רעכנט צו טאן אין באצוג צו די קאר-
פאריישאן און סקעב שעפער.

אין אפיס פון דער יוניאן איז יעדער
ווינקעלע געווען געפאקט מיט קלאוקמאכער,
וועלכע האבען ארומגערינגעלט דעם מענע-
דזשער מיט פראגען וועגען שלאק, וואס די
יוניאן האט בדעה צו טאן.

אויף מיין פראגע וועגען דעם איצטיגען
צושטאנד אין דער באסטאנער קלאוק אינ-
דוסטריע, האט דער מענעדזשער ערקלערט
די לאגע ווי פאלגט:

פאר דער לעצטער צייט האבען זיך אין
דער קלאוק-אינדוסטריע פון בוסטאן בא-
וויזען א היבשע צאהל קארפאריישאן-שעפער,
וועלכע זיינען געווארען אייגענטליך שטויגע
סקעב-נעסטען. דיזע שאפס זיינען צוזא-
מענגעשטעלט פון געוועזענע ארבייטער, וועל-
כע עס האט ארומגעבראכט א פאנטאזיע צו
ווערען „גרויסע באסעס" און אין דיזע שע-
פער ארבייטען עס מענשען אונטער די אומ-
ערטרעגליכסטע ארבייטס-קאנדיציאנען. אין
יענע שעפער ווייסט מען נים פון קיין רעגו-
לירען שטונדען, פון באשטימטען וועידזשעס,
און אנדערע יוניאן-קאנדישאנס, וועלכע עק-
זיסטירען אין די קלאוק שעפער, וואס שטע-
הען היינט צו טאג אונטער'ן קאנטראל פון
דער יוניאן.

דיזע קארפאריישאן שעפער זיינען גע-
ווארען א געפאהר פאר די עקזיסטירענדע
יוניאן-שעפער און זיי זיינען שוין פון
לאנג א „מכה", וועלכע טוט די ארבייטער
פון די ארגאניזירטע שעפער וועה. און דאס
די יוניאן קלייבט זיך שוין פאר א לאנגער
צייט זי אויסצוהיילען.

מיט עטליכע וואכען צוריק האט די יוני-
יאן באשלאסען ארויסצורופען א סטרייק אין
יענע קארפאריישאן-שעפער און מאכען א
פארזוך ארייצונעהמען די ארבייטער פון
יענע „סקעב-נעסטען" אלס מעמבערס פון דער
יוניאן. נאר אזוי ווי קיין ארבייט האט זיך
נים געוויזען, האט די דזשאינט באארד איינ-

(שלוס אויף זייט 14)

אויסווייניג

פון אברהם רייזען.

אויב דאס לעבען איז אן אקאדעמיע,
איז דער אלטער פייוועל דער בעסטער סטו-
דענט, — ווייל ער קען אלץ אויסווייניג.

אבער קיין גאלדענע מעדאלען בא-
קומט ער דערפאר נים. פארקערט,
דער אלטער פייוועל איז א מענש, וועלכער
קיינער באמערקט נים און קיינער שאצט
איהם נים אפ פאר זיינע גרויסע פעהיג-
קייטען.

אמת, די פעהיגקייט צו קענען אלץ
אויף אויסווייניג איז איהם נים גרינג
אנגעקומען. ער איז שוין א איד פון א
יאהר זיבעציג, און שוין א יאהר עטליכע
און פופציג, אז ער חזר'ט איינע און די
זעלבע לעקציעס. די ערשטע לעקציע איז
— אריינציהען א פאדים אין א נאדעל.
דערצו דארף מען אפילו קיין קאפ נים
האבען, אבער אויגען מוז מען האבען
דערצו העלע און קלארע. פייוועל האט
עס אמאל געהאט. די לעצטע עטליכע
יאהר אבער ווערען זיי איהם אלץ טונקע-
לער און טונקעלער. די אויגען זיינען
איהם א שאד. אבער צו זיין פרנסה
שאדט עס איהם נים. — דען ער ציהט
אריין דעם פאדים אין נאדעל אויסווי-
ניג...

די יונגערע פועלים לאכען פון איהם
און זאגען דעמאלט:

— ר' פייוועל איז א איד א למדן —
ער קען די תורה אויף אויסווייניג...

— ווארט, קינדערלאך, — וויצעלט
זיך פייוועל. — איהר וועט שפעטער אויך
זיין אזעלכע למדנים; אז מען לערנט אפ
עטליכע און פופציג יאהר איין זאך, קען
מען עס אויסווייניג...

און נים נאר דער פאדים אין נאדעל
ציהט ער אריין אויסווייניג, — אפילו
נייהען נייהט ער שוין אויך אויסווייניג.
די האנד זעהט ביי איהם מעהר ווי די
די אויגען. און ווען נים די דאזיגע פע-
היגקייט, וואלט ער שוין לאנג-לאנג נים
פארדינט קיין גראשען. אבער אזוי פאר-
דינט ער נאך אלץ דריי רובעל א וואך.
און די דאזיגע סומע צעהלט ער אויך אי-
בער אויסווייניג... די סומע באקומט ער
שוין היבשע עטליכע יאהר.

פייוועל דער שניידער האט זיין גאנץ
לעבען אפגעלעבט אין דערזעלבער
שטאדט, וואו ער איז געבארען געווארען.
און נים קוקענדיג דארויף, וואס זיינע
אויגען זיינען איהם די לעצטע יאהרען
שטארק טונקעל, וועט ער פונדעסטוועגען
קיינמאל נים פארבלאנדזשען. ער קען
אלע גאסען און געסלאך אויף אויסוויי-
ניג... זיין וועג איז איהם קלאר און בא-
קאנט...

אויסווייניג קען ער אויך דאס דאווי-
נען און תהלים, און בשעת ער דאווענט
אדער ער זאגט תהלים, חייסט עס נים,
אז ער טוט תפלה, נאר, פשוט, ער רעדט
זיך דורך מיט גאט... און איהם דאכט
זיך, אז ער קען שוין דעם רבונו של עולם
דורך און דורך — ער זעהט איהם א
גרויסען, א שטארקען און אן אנגע-
כמורעטען, אבער קיין בייזער איז ער
נים... פארקערט, פייוועל האלט שטארק
פון גאטס גוטסקייט, און צווישען יעדען
קאפיטעל תהלים ווארפט ער אריין א הוי-
כען אויפרוף: „אך, טאטע זיסער, האר-
ציגער פאטער!"

אויסווייניג ווייס ער אלץ, נים נאר
וואס אויף ד ע ר וועלט, נאר אויך
אלץ, וואס עס געפינט זיך אויף יענער
וועלט. ער ווייסט, אדאנק די מוסר-
ספרים, וואס ער האט געלייענט, און די
מגידים, וואס ער האט זיך אנגעהערט,
וואו עס געפינט זיך דער גן-עדן און
דער גיהנום. ער ווייסט אויסווייניג, ווי
אזוי עס זעהט אויס דער מלאך-דומה,
וועלכער וועט קומען פרעגען ביי איהם
זיין פסוק... ער לאכט זיך אבער אויס
פון מלאך-דומה; זיין פסוק ווייסט ער
אודאי און אודאי אויסווייניג...

אט אזוי איז פייוועל, דער אלטער
שניידער, פארזארגט ביים לעבען און
טויט, און אלץ צוליב דעם, וואס ער
ווייסט אלץ אויף אויסווייניג...

יונגע דיכטער

„ביים ברייטען וועג" פון ב. י. ביאלאסטאצקי, פארלאג „אינזער זשורנאל")

פון שאול ראסקין

יונגע לידער זיינען דאס ניט, ווייל זיי באלאנגען צו דער יונגער ריכטונג אין דער פאעזיע. פארקערט, זיי זיינען גראד „אלט" אין פארם, אין ריטם, און טאן און אין דעם שטייגער פון זייער געדאנק. „ביים ברייטען וועג", דער נאמען, וואס ביאלאסטאצקי האט דער קליינער זאמלונג לידער געגעבען, וואלט איך אויסגעטייטשט אלס דער ברייטער אויסגעטראטענער וועג פון פילע מייסטערס פאר איהם, פון די אלטע גוטע מייסטערס, רוהיגע נשמות, איך מיין סטאביליע באראטערע פון דער אלטער וועלט-עמפפינדונג, פון וועלט אויפפאסונג. ביאלאסטאצקי'ס לידער זיינען יונגע אין זין פון יאהרען. דער דיכטער ווייזער איז א יונגער מענש, עס זינגט אין איהם זיין יונגע בלוט.

וואס פאר לידער זינגט געוועהנליך א יונגער מענש? פארשיידענע, זעהר פארשיידענע. איך מיין דערמיט צו זאגען, אז עס בייטען זיך נאכאנאנד זייערע שטימונגען. זייער געמיט איז ווי א פריהלינגס-טאג: אט איז דער הימעל פארוואלקנט גרוי, און די שטימונג איז גרוי — טרויעריג — מינ[ו]רנע, — אט רייסט די זון דורך די כמארעס און עס קומט א בליץ א שטראהל פון פרייד און גליק; א בליק פון דער געליבטער, א שמייכעל, א האנד-דרוק, און די וועלט פארגעלט פון אלע עקען, און אט טראגט זיך אן א שווארצער שטורעם וואלקען, עס פאלען גרויסע טראפען רעגען און עס שלוכצעט און וויינט די יונגע ברוסט, אין אקאורד מיט דער שטימונג.

פארשיידענע לידער זינגט די יוגענד, ווייל עס ברויזט אין איהר יונגער נשמה, און אלעס איז העפטיג, און דער הויפט — טאן א גענויגערע אורזאך. אזוי זיך קלאגט! פון א ווינט ווערען אנגעטראגען שטימונגען, און פון דעם זעלבען ווינט פארטראגען און צוטריבען.

„מיט'ן שליאך זיך געלאזט
(אין די ווינע טעג)
אויפ'ן ווינט זיך פארלאזט..."

אט האט ביאלאסטאצקי א רייהע לידער אין טרויעריגען טאן. גרוי איז זייער קאליר.

„טרויער מיינער":
אייביג האסטו מיך באלייט;
פון דער וויג ארויסבאגלייט,
מיט מיין שטען וואלבעגוויים
אויף מיין וועג זיך אויסגעשפרייט...

ערע:
„איך ווייס ניט, צו ווען איך
דערלעבען
אן אלטער פון גרייז-גרויע האר:
איינס ווייס איך, אז גרוי און
אין גרויען
פארנעהט מיר א יאהר נאך
א יאהר."

ער האט א גאנצע רייהע לידער אין גרוי, ווי עס ווערען פון מאנכע מאלער געמאלען „הארמאניען אין גרוי", „סימפאניען אין גרוי", „סימפאניען פון גרוי און זילבער", גרוי און גאלד" א. אז. וו. די גרויע פארב זיינע איז זעהר א צארטע, זעהר א סימפאטישע, נישט קיין טיפע גרוי, נישט קיין שווערע, דריקענדע און שרעקענדע, ניין, עס יאגט קיין מורא נישט פון זיין „גרוי", פון זיין „רעזיגנאציע", פון זיין האפנונגס-לאזיגקייט, ווייל איהר פיהלט דעם יונגען פריהלינגס-הימעל איבער דעם גרויען וואלקען, און עס וועט פארביי, עס וועט שוין ליכטיגער ווערען, די פרייד וועט קומען.

פרייד איז איינע פון די ווערטער, וועלכע דער דיכטער אונזערער האט זעהר ליב:

„עס שרייט ארויס פון מיר
מיין פרייד"

און צילעצט פון דעם ליד זאגט ער:
„עס וויינט און שרייט פון מיר
מיין פרייד,
מיין פרייד, מיין פרייד,
מיין ניט-דערלעבטע פרייד"...

שעהנע שורות, שעהנע לידער און עכט יוגענדליכע, יונגע, אויפריכטיגע. און ווי די יוגענד האט ליב פון ציים צו ציים צו ווערען פילאזאפיש, אזוי טרעפט איהר אויך, אז צווישען פארשידענע שטימונגען דערהערען מיר א „קלוגעס" ליד, „א געדאנקען ליד". אין דעם ביכעלע איז דא איינס אזא, וואס איז ווירקליך פיין, טיף און אמת גים:

„ביי נאכט איז די וועלט אזא
ווייסע געווארען,
עס שפילען זיך קינדער אין
שניי, אינ'ם קלארען.
ביי נאכט האט א מענש זיך
פאר עפעס דערשראקען
און גרייז-גרוי געווארען אזוי
ווי א זקן,
ויצט זארגלאז א קינד נעבען
יונג-אלטען זקן
און שפילט זיך אזוי מיט די
זילבערנע לאקען.
און ס'ווייסט ניט דאס קינד,
אז א הארץ איז דערשראקען,
דורך איין נאכט געווארען א
גרייז-גרויער זקן...
ביי נאכט איז די וועלט אזא
ווייסע געווארען,
עס שפילען זיך קינדער אין
שניי, אינ'ם קלארען".

דאס איז א טיף ליד מיט א וויכטיגען מיין... די פאראלעלע, די גאנצע [...]אממע פון געדאנקען און געפיהלען, אהנונגען און אנגסטען איז אויסגעצייכענט... אבער ווידער יוגענדליך. א בלעטער ווייטער אין שוין

„דער הימעל בלוי און
ס'בלענדט דער שניי,
איך מאך די אויגען צו אזוי:
און געה"...

גרוי איז דער קאליר פון פילע לידער זיינע, הארמאנירט ער דאס מיט פרייד. איך וואלט זיין קאלארים אנגערופען: א הארמאניע פון „גרוי און פרייד". אדער נאך בעסער: א הארמאניע פון „גרוי, פרייד און בלוט". שרעקט זיך ניט פאר דעם לעצטען רויטען פלעק אין זיין קאלארים; ס'איז ווידער אמאל בלויז יוגענדליך, ס'איז בלויז אזוי א ווארט, וואס וויברירט, וואס קלינגט פיל-באדייטענד. אבער גיסען גיסט זיך קיין בלוט ניט, ווי אויפריכטיג רויט עס זאל ניט זיין. און ליב האט אונזער יונגער דיכטער דאס ווארט בלוט נאך אפשר מעהר ווי דאס ווארט פרייד. אפשר א העלפט פון זיינע לידער האבען אין זיך דאס ווארט בלוט. דאס ליד „אוי, וועלט", האט צעהן מאל דאס ווארט בלוט אין זיך.

„ביי מיינע פיס פארנעהט א ניט
דערקוילעטע די וועלט,
באשפריצט מיט גסיסה-בלוט
מיין פנים, מיינע הענט"

א. אז. וו. דאס געדיכט „די בשורה" האט דריי מאל בלוט. אין ווייטער געהט „מיין קרוין ליגט פארבלוטיגט", „אין בלוטיגען זאמד", „דער אבענד-שטערען שימערט אויף מיט נייעם בלוט", „בלוטיגער די אויגען", „דער אטעם פון מיין ווילדען בלוט" א. אז. וו. א. אז. וו. אין דער אפטיילונג „אויף אלע ווענען", וואס האט זיינע בעסטע לידער, האט כמעט אין יעדען געדיכט בלוט. „פאר וואס האסטו זיך אין מיין בלוט באהאלטען אזוי לאנג?"... „קוסט דער געלבליך-גרויער פלאקס מיט טויזענער אויגען, בלוט פון וונדען"...

ס'איז איינפאך א ליידענשאפט ביי דיזען יונגען דיכטער צו דיזער רויטער פארב. ער איז היפנאטיזירט פון דעם קאליר, און נאך מעהר פון דעם קלאנג. דאס ווארט בלוט האט א רייכען טעמבר, ארום דעם ווארט הויבען זיך אויף גרויסע מחנות רוישענדע פליגלען פון אומקלארע רעגונגען. בלוט איז איינע פון די גוואלדיגסטע ווערטער. איך ווייס ניט, צי עס איז דא נאך אזא ווארט אין דער מענשליכער שפראך, וואס זאל זיך קענען מעסטען אין קלאנג מיט דאס ווארט בלוט. ס'איז דארום קיין וואונדער, וואס דיכטער מאכען פון דאס ווארט בלוט אזא רייכען געברויך, און באזונדערס יונגע דיכטער. טרויער, פרייד, ליבע און בלוט — דאס זיינען די פיער סטרונעס, וואס זענען אנגעצויגען אויף ביאלאסטאצקי'ס לירע, אויף וועלכער ער זינגט זיינע יונגע לידער, אויפריכטיגע, וואהל-געארדנעטע, וואהל-קלינגענדע. דא און דארט גיט דאס א ברען, עס רייסט זיך ארויס א הייסע שורה, א פלאמיג געפיהל, ווי די לידער „בלענדט דאס ליכט", „דער ווארם", „א צווילינג". דאס לעצטע געדיכט איז איינפאך מייסטערהאפט.

איך און דו, א צווילינג ניט
געבוירענע
צוויי לעבענס —
אין א נעץ פון אנדערען
געפאנגען.
גליך אין גליך —
איינגעקנאטען,
איינגעפלאכטען.
אויג אויף אויג און מויל אין מויל
איינגעוויקעלט —
ווי צוויי שלאנגען אין א קנויל.
ראנגלען מיר זיך —
פאר איין טראפען בלוט, פון
מאמע-הארץ,
פאר איין אטעם פון דער
מאמע-טראכט.
וויקעלט ביסלאכווייז דער
קנויל זיך שוין פאנא.-דער-
צוקען לעבענס צוויי —
ווער דורך ווערטאגען וועט
פריהער געבראכען ווערען,
ווער פון אונז וועט פריהער
גאט'ס ליכט דערזעהן —
גאט'ס ליכט דערזעהן,
און פון ליכט באגלייט,
אינ'ם ליכט צושיידט.
איך און דו — א צווילינג ניט
געבארענע.

אזעלכע לידער זיינען שוין אן אנווייז, ווי דער יונגער דיכטער וועט ריכטען, ווען ער וועט אויפהערען „יונגע" לידער זינגען.

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

„א וואויל לאנד אמעריקא; די צרה איז מיט די מענשען", האט די טאג ערקלערט [...] גערי, דער קאפ פון דעם שטאל-טראסט. יע, ער טאג עס זאגען. אבער וואס זאגען וועגען דעם זיינע שטאהל-ארבייטער? און וואס האלטען זיי פון איהם, אלס מענשען, וועלכער האלט אין איין מוסר'ן אנדערע?

וועגען דעם נאך-וואס פארשטארבענעם ב. גארטשטיין, דעם באקאנטען אידישען שקטער, ווערט דערצעהלט פאלגענדע כאראקטעריסטישע מעשה, וועלכע איז, אגב אורחא, נאך אין נאכגען קיין אויסגעטראכטע. ער האט געשפילט אין א פיעסע פון איינעם פון אונזערע באקאנטע דראמען-שרייבער. האט ער אין איינעם פון די אקטען געזונגען א לידעל, און אונטערגעשטראכען אלע גארטשטיין. דאס לידעל מיט דעם מאנען האט געטראכט א „הום" מיט אונזער עולם. דער פארפאסער פון דער פיעסע איז געווארען שטארק ברוגז. „ס'פיעסע, מיט וועלכען רעכט האט איהר צוגעשטעפט אייער לידעל צו מיין פיעסע?" האט זיך דער פארפאסער געקלאגט. „אייער האט א מזל," האט געענטפערט גארטשטיין דער אקטיאר. „ניט איך האב צוגעשטעפט מיין לידעל צו אייער פיעסע, נאר אייער פיעסע איז א צוגעשטעקטעס צו מיין לידעל."

אז עס איז פיל ליבער צו שרייבען פראקלאמאציעס פאר א דזשענעראל סטרייק, ווי איהם דורכצופיהרען — דאס האבען די טעג אויסגעפונען דער היגער פראנצויזישער קאמוניסטען, וועלכע האבען געמאכט א פארזוך ארויסצורופען א 24-שטונדיגען דזשענעראל-סטרייק איבער'ן גאנצען לאנד. זיי האבען געדאכט, אבער די פראנצויזישע ארבייטער זיינען זיך אנגעגאנגען מיט זייער ארביים. עס איז אלזא איצט קלאר, דאס די פראנצויזישע באלשעוויקעס האבען ניט די פראנצויזישע ארבייטער, ווי מען זאגט, אין קעשענע.

די ברויט-רייאטען אין בערלין, אין ווין, און אין פילע אנדערע פלעצער פון דייטשלאנד און עסטרייך מאכען פאר איינעם גאנץ קלאר, אז רוסלאנד איז ניט דאס איינציגע לאנד, וואו דער ארבייטער הונגערט. נאר מיט דעם אונטערשייד: אין דייטשלאנד און עסטרייך האבען נאך די ארבייטער לכל הפחות דעם מוט פון פארצווייפלונג צו מאכען רייאטען. אין רוסלאנד האבען זיי שוין דעם מוט פון פארצווייפלונג אויך פארלארען, ווארים שטארק און מעכטיג איז די רוסישע „טשעקא" און די רויטע ארמיי. הורא!

דער דראסטישער אינדזשאנקשאן געגען די שאפ-סטרייקער מאכט גאנץ קלאר, אז דער פלאמיינער איינדרוק דאס דער שאפמען-סטרייק איז פארלארען, איז געווען א פאלשער. געגען א פארלארענעם סטרייק וואלט אונזער רעגירונג אין דער איצטיגער ציים, ערב עלעקשאן, ניט ארויסגעגעבען קיינע אינדזשאנקשאנס געגען די סטרייקער.

די פאראורטיילטע סאציאליסטען-רעוואלוציאנערען אין רוסלאנד האט מען איבערגעפירט אין א וועלכען ס'איז געהיימען אסטראג, און זייערע נאהענטע בעטען אומזיסט די רוסישע רעגירונג זי זאל זיי אויסזאגען וואס זי האט געטאן מיט די דאזיגע ארעסטירטע. און דאך זיינען דא מאנכע נאאיווע מענשען, וועלכע גלויבען, אז אין רוסלאנד איז דער צאריזם טויט.

א גוט ווארט מעג מען ציטירען, ווען עס איז זאגאר געדרוקט אין דער „ניו יארק טיימס". „מיט איינציגע טעג צוריק האט מען אונז דערצעהלט, ווי שטרענג די באלשעוויסטישע רעגירונג באוואכט די קרוין-דימענטען און אנדערע אוצרות, וואס די צארען פון רוסלאנד האבען אדער געקויפט, אדער אנגעראובט, אין דעם לויף פון יאהרהונדערטער, אין פארשידענע ווינקלען פון דער ערד, אום צו קענען זיך באריהמען מיט דעם באזיצען אלערלוי אוצרות, וואס קיין אנדער לאנד האט ניט. די זעלבע רעגירונג איז א שרייענדיגען און גרויזאמען ווידערשפרוך, ווארפט ארויס אין ארקטישען ים אדער איבער די גרעניצען פון סאוועט-רוסלאנד די קולטור, וואס איז פיל ווערטפולער, ווי דער רייכטום פון די אנגעזאמעלטע דימענטען-שטיינער. פיל בעסער וואלט געווען פאר רוסלאנד צו פארקויפען איהרע קרוין-דימענטען און שפייזען איהרע הונגעריגע פארהונגערטע געלערנטע און וויסענשאפטליים, וועלכע זיינען איצט אדער פארשפארט אין פריזאנס אדער זיינען גאר אין גאנצען ארויסגעטריבען פון רוסלאנד.

אויף אן אקשאן סייל אין דעוועי, ניו דזשוירזי, וואו דער עולם געהט געוועהנליך כאפען מציאות אין דעם קויפען פון פארשידענע קונסט-זאכען, האט מען די טעג אויך פארקויפט א טאן „ארבעס" קויהלען. איז דער געזאנגער האנדעל אין קונסט-זאכען געווען זעהר א קאלטער. אבער, ווען עס איז געקומען צום טאן קוילען איז עס געווארען זעהר, זעהר לעבעדיג. איינער האט געהאלטען אין איין איבערבאטען דעם צווייטען, ביז א גליקליכער אייגענטימער פון א מואווינג-ביזנעס טעמעער האט געקראגען די מציאות, האט אפגעקויפט דעם טאן „שווארצע דימענטען" פאר 22 דאלאר. און דערצו נאך האט ער באדארפט באצאהלען 3 דאל. פאר ברענגען די קויהלען צום פלאץ. יע, ווען עס איז א פראגע פון דאס סאמע נויטיגסטע, — דאן קריכט ניט אין קאפ קיין קונסט.

דער אפענער בריף פון די 52 ארעסטירטע אי-דאבליו-דאבליו צו פרעזידענט הארדינג, נאמינעל, אבער פאקטיש, צו „דער גרויסער מאסע פון דענקענדע ארבייטער אין אמעריקא", איז ריהרענד מיט דעם מוט און פרינציפען-פעסטקייט, וואס עס ווייזען ארויס דיזע קרבנות פון דער מלחמה-היסטעריקע. וועט ער אבער האבען די נויטיגע ווירקונג? וועט די גרויסע מאסע דענקענדע ארבייטער אנהויבען עפעס צו טאן פאר דער באפרייאונג פון די וועלכע ווילען ניט בעטען קיין גנאד? די ווירקונג פון דעם אפענעם בריף וועט ווייזען קלאר, צו די ארעסטירטע א. וו. וו. נארען זיך ניט אין זייער געדאנק, דאס עס זיינען דא די גרויסע מאסען דענקענדע ארבייטער אין אמעריקא.

איינער פון די שטארקסטע ארגומענטען אין דעם אפענעם בריף פון די ארעסטירטע א. וו. וו. איז פאלגענדער: „מיר זיינען פאראורטיילט געווארען אלס א גרופע, אין א פארשווערונג, אין וועלכע מיר זיינען אלע אדער גלייך שולדיג, אדער גלייך אומשולדיג. מיר גלויבען דעריבער, אז עס וואלט געווען געמיין פון אונזער זייט צו פארלאנגען אינדיווידועל א באגנאדיגונג, און איבערלאזען צום אפים פון דזשענעראל דאהערטי, ווער פון אונז זאל באפרייט ווערען, און ווער פון אונז זאל בלייבען אין פריזאן. יע דאס איז א פרינציפען-טריותיות און מוטיגקייט, וואס דארף באוואונדערט ווערען. נאטירליך, דארף מען ניט ערווארטען, אז אטוירני דזשענעראל דאהערטי זאל זיין פעהיג דערצו. ער וועט אודאי זיי אלע באטראכטען פאר פאנאטיקער, און געפעהרליכע פאנאטיקער דערצו. אבער וואלט געווען צופיל צו ערווארטען, אז די ארבייטער, די דענקענדע ארבייטער, זאללען אפשעצען די דאזיגע מערקווירדיגע שטאנדהאפטיגקייט און פרינציפענפעסטקייט? איך מיין, אז די „א. פ. אוו ל.", ניט שבטענדיג אויף דעם, וואס די א. וו. וו. האט איהר אומער באקעמפט, און בייטער באקעמפט, האט געטארט זיך פאראינטערעסירען מיט דעם פאל.

געז וועט ווערען ביליגער מיט 10 סענט דעם טויזענד, און, ווי די פאבליק סירוויס קאמישאן באהויפטעט, וועט עס איינשפארען דער ניו יארקער באפעלקערונג 5 און א האלב מיליאן דאלאר יעהרליך. מעיאר הילאן ערקלערט די גאנצע מעשה אלס „האמבאג", אלס זאמד אין די אויגען פון פובליקום. איך בין גענייגט דאס מאל צו זיין איינשטימיג מיט מעיאר הילאן. כאטש די מאטיוון זיינע, ווארום ער איז געגען דעם אויפטו פון דער פאבליק סירוויס קאמישאן, זיינען זיכער נישט קיין גאנץ זויבערע. ווי דאס איז, אין זיינע געז בילס וועט דער עולם געוויס ניט דערפיהלען, אז געז איז ביליגער געווארען.

צייט פון סטרייק, נאר ווען [illegible] ווען מיר ניט זיין, וואס [illegible] ערלה? אז דער סטרייק איז [illegible] געווארען, און די יוניאן האט [illegible] מעגליכקייט צו באצאהלען [illegible] פאר וואס ניט? יא, איהר וואס [illegible] הארום זאלען די באססעס זיין [illegible] ווי די סטרייקער? האבען זיי דען גע-קראגען באצאהלט פאר די וואכען, וואס זיי האבען געסטרייקט? ניין, ווי האבען עס ניט געקראגען, אבער ווי האבען דער געסטרייקט, אז ווייטער לאגע זאל פארבעסערט ווערען, ווי-ניגסטענס ניט ערגער ווערען. און ווי הא-בען עס אויסגעפיהרט. נון, ווען די באססעס וואלטען ניט געקראגען פאר פאר די 10-12 וואכען פון סטרייק, וואלט זייער לאגע באדייטענד פערערגערט געווארען, און מיר גלויבען ניט, אז די ארבייטער זאלען וועלען עס פארלאנגען, אז די לאגע פון זייערע בא-לעבאטים זאל באדייטענד פערערגערט ווערען נאך דעם, ווען זיי האבען דורכגעפירט פאר זיי אן ערפאלגרייכען סטרייק. מיר זיינען אבער מיט אייך איינפערשטאנען, אז עס איז שוין צייט, אז מען זאל ניט מעהר באנוצען זיך מיט דער מעלדונג אז די סטרייקפירער און באססעס נעמען ניט קיין וויזדישעס אין דער צייט פון סטרייק. אויב עס ווערט אזוי אנגענומען, דארף עס אזוי בלייבען. אויב אבער, ווי דאס איז כמעט דער פאל, ווי קריי-גען זייערע וויזדישעס אויסגעצאהלט, וואלט מען ניט באדארפט מאכען קיינע ערקלערונ-גען. 2) ווענען דעם ווענדט זיך נאך אמאל צו אייער עקזעקוטיוו. אפשר אין דעם מומענט איז עס פארגעסען געווארען. אפשר איז אויי-ער מעלדונג פון דעם קאמפראמיס שאפ פער-לארען געגאנגען. און דאן, קאן דען ניט זיין, אז איהר זאלט האבען א טעות געהאט? אפשר האט די יוניאן אויסגעפונען, אז דאס איז גאר ניט אזוי די מעשה, ווי איהר האט עס געמיינט. פרייט נאך א מאל ווענען דער זעלבער אנגעלעגענהייט. קורץ, אויב איהר מיינט, אז עפעס איז ניט ריכטיג, ווערט ניט מיד צו ווירקען, ביז איהר וועט האבען ער-פאלג.

א קלאוקמאכער. — לײדער געפינען מיר ניט דאס מינדעסטע אין אייער ערצעהלונג, וואס זאל זי מאכען פאר דרוקבאר. דער ספור המעשה, די „פאבולא", איז א זעהר, זעהר אל-טעגליכע, אזוי אלטעגליך, דאס גלייך, ווי איהר הויבט אן צו ליינען, ווייסט איהר שוין, מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען. דער מוסר השכל איז אויך פון דעם זעלבען סארט: נעמליך, די אומדאנקבארקייט פון קינדער. מע הי קאן מען ערווארטען, אז אזא ערצעהלונג זאל פאראינטערעסירען אונזערע לעזער? וואלט כאטש געווען אין דער ערצעהלונג א געוויסער סארט כאראקטער שילדערונג, וואל-טען מיר שוין געפונען א בארעכטיגונג פאר דער ערצעהלונג. אבער אויך דאס ניט. אין אייער ערצעהלונג ווערען ניט געמאהלען גע-וויסע כאראקטערע, נאר סתם מענשען, א טא-טע — א איד פון א גאנץ יאהר; די ברודער-שלע, איינער ווי דער צווייטער; די שנור — דאס גלייכען. דאס אלעס מאכט אייער ער-צעהלונג, כאטש דערצעהלט אין א גאנץ גלא-טער שפראך, ניט דרוקבאר.

נ. וויינים. — מיר זיינען לחלוטין ניט איינפערשטאנען מיט אייך, אז דער סטאפ-פערדיש האט ניט ערפילט דאס, וואס מען האט

[illegible] פון א ביסעל [illegible], אז מען דאס ווי „סטאפעדיש-[illegible]". מיר [illegible] האבען באדארפט באוויזען ווערען. אין דער [illegible] אבער האט די מעגליכקייט צו ווייזען פון דעם גאנצען טרייד. נאר זי קען ווייזען און דוירען מיט זיבעטיים פון ערפאלג אדער מיסערפאלג. דער סאלדאט אין די רייהען ווייס קיינמאל ניט, צי זיין ארמיי איז גע-שלאגען צי ניט, ווייל זיין בליק איז בא-גרעניצט. נאר דער קאמאנדיר, וואס האט דעם איבערבליק איבער דעם גאנצען שלאכט-פעלד, ווייס עס און קען עס ווייזען. דאן, אויב עס איז ריכטיג, ווי איהר שרייבט, אז אין דעם סטאפעדיש איז מקוים געווארען דאס ווערטעל:

„קליינע גנבים הענגט מען,
און גרויסע שענקט מען"

איז דאס דער בעסטער באוויז, אז דער סטאפעדיש האט דערגרייכט זיין ציל, ווייל זיין ציל איז געווען דאס מאל צו כאפען דווקא די ק ל י י נ ע גנבים, ניט די גרויסע. וואס אנבאטרעפט די שעפער פון די קאנטראקטארס, קענען מיר צוגעבען, אז דארט ווערט אפט די ארבייט גמאכט ניט, ווי די יוניאן פאדערט עס. אבער, ווי איהר גיט אליין צו, העלפען די ארבייטער אליין אין דעם שווינדעל. נו: וואס קען מען מאן דערצו? ווייבאלד די ארבייטער אליין זיינען אזוי נאריש אומצוקעהרען דעם באס אין געהיים א טייל פון זייערע וויזדישעס, נו וואס קען די יוניאן העלפען? און וואס קען שטערען אזעלכע ארבייטער צו מאן דאסזעלבע אין א גרויסען שאפ? היינט, פערשטעהען מיר ניט, וואס קען דא העלפען א דזשענעראל סטרייק? אט האבען מיר דאך געהאט א דזשענעראל סטרייק, כאטש גערו-פען האט מען עס סטאפעדיש. פון דעסט-וועגען באקלאגט איהר זיך אויף די רעזול-טאטען, נו ווארום וועט די ווירקונג פון א דזשענעראל סטרייק זיין א בעסערע? דער אמת איז, מיר הויבען ניט אן צו פאר-שטעהן אייך.

מ. פערלשטיין. — מיר פיהלען זיך ניט בארעכטיגט צו פארעפענטליכען אייער ארטיקעל ווענען דעם קליינעם שאפ, און די מיטלען, ווי איהם אפצושאפען, ווייל אין דעם ארטיקעל זייט איהר מבטל אין גאנצען אלעס, וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט ביז איצט געהאלטען פאר גוט, און איהר פלאגט פאר א גאנץ נייע פאליסי. רעכענען מיר, אז אײדער דאס געהט איבער צו דער עפענטליכקייט, דארף עס גוט און גרינדליך דיסקוטירט ווערען אויף א מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, פון וועלכען איהר זייט א מעמבער. איבערהויפט בא-טראכטען מיר דעם איצטיגען מאמענט פאר זעהר אומפאסענד פאר אייער ארטיקעל. ערשט איצט האט די קלאוקמאכער יוניאן געמאכט איינע פון איהרע גרעסטע אנ-שטרענגונגען, און, איידער דער רעזולטאט איז איבערהויפט נאך באשטימט, קומט איהר און מאכט עס אלעס צו נארינג. מיר וואל-טען, וואס ווען ארטיקעל געדרוקט פון איי-נעם פון דער [illegible] מיר קענען [illegible] אבער ניט הערען פון אינעם, וואס איז א הויפט-פיגור פון דער אינטערנעשא-נאל, [illegible] א גאנץ באזונדערע [illegible] און איצט וויל [illegible] פערזענליך [illegible] מאכען אויף [illegible] אין אייער ארטי-קעל, וואס [illegible] צו זיין זעהר ווייניג דורכגעטראכט;

1) „דער קליינער שאפ איז דער רעזולי-טאט פון אונזער טרייד — א טרייד, וואס האט ניט אנטוויקעלט קיין מאשינעריע, וואס קען פראדוצירט ווערען אין בעד־רומס". דאס איז שטארק איבערטריבען. איהר קענט איצט ניט מאכען קיין קלאוקס אין בעד-רומס, איהר קענט ניט נייהען קיין קלאוקס אהן עלעקטרישע טרייב-קראפט. און דער-פאר קען אפילו דער קלענסטער שאפ ניט זיין אין קיין בעד־רום. און לאמיר אייך גלייך זאגען, אז אויב עס וואלט טאקע אמת געווען, אז די קלאוק אינדוסטריע קען אזוי בעסטען געמאכט ווערען אין קליינע שאפער, דאן וואלט קיין שום מעגליך געווען קיין קלאוק-מאכער יוניאן מיט איהר מאכט, וועלכע זי באזיצט.

2) „מען קען פיליבט פון א קאנ-טראקטאר קריגען גוטע קאנדישאנס איפ'ן שאפ, אבער אין לעבען האט דאס גאר קיין ווערדע ניט. די גוטע און שטארקע אגרי-מענטס האבען ניט די ווערדע פון א שמעק-טאבאק". זעהר ניט ריכטיג, פריינד פערל-שטיין! ווען דאס וואלט געווען אמת, וואלט די לאגע פון דעם קלאוקמאכער געווען איצט אזעלכע, ווי מיט 30 יאהר צוריק. און, ווען דאס וואלט אזוי געווען, וואלט קיין יוניאן זיך ניט געהאלטען און ניט געוואקסען ניט נאר אין דעם משך פון די לעצטע 12-15 יאהר, נאר אפילו ניט קיין 15 מינוטען.

3) איהר זייט אין גאנצען מבטל די סטרייק־וואפען. „די תשועה צו דער מכה פאר אונזער אינדוסטריע", זאגט איהר, איז ניט קיין 6-מאנאטליכע סטרייקס. — ניט קיין סטעדי פיקעט-קאמיטעס און ניט קיין הונדערטער קאנטראלירער און ביזנעס-אייגענטס, נאר א סיסטעם פון פאראנט-ווארטליכקייט". ווענען דער פאראנטווארט-ליכקייט וועלען מיר זאגען שפעטער א פאר ווערטער. מיר מוזען אבער שוין זאגען, אז אומזיסט ווייזט איהר אזוי שטארק גענען די סטרייקס און די פיקעט-קאמיטעס. דער קלאוקמאכער האט זיי גאר פיל, פיל צו פער-דאנקען, און די באסעס וואלטען זיך גע-פיהלט באמת גוט, [illegible] ווי וואלטען גע-בליבען, אז די ארבייטער האלטען אזוי פעסט ביי די סטרייקס און פיקעט-קאמיטעס, ווי איהר.

4) מיר ווילען ניט דיסקוטירען אייער פלאן אין דעם איצטיגען מאמענט. וואס איהר שלאגט פאר קען באטראכט ווערען פאר [illegible], [illegible]. מיר וועלען אבער אייך אויפמערקזאם מאכען, אז אייער פלאן [illegible] די שטארקסטע מיטעל ניט אין די דזשאבערס, נאר אין א גרויסער חלק פון דער מאנופעקטורערס [illegible] דער קלאוק-מאכער יוניאן, וויל, ווען אייער פלאן זאל ווירקליך אויסגעפיהרט ווערען, וואס זיכער א גאנצע חלק, אויב ניט מעהר פון די קלאוק-מאכער, מוזען גענצליך פארלאזען דעם קלאוק-טרייד. האט איהר וועגען דעם גע-טראכט? מיר גלויבען עס ניט. איינס באטראכט איהר: כדי צו מאכען די דזשאבערס נעהמען אויף זיך די פאראנט-ווארטליכקייט פאר די לעבענס-עקזיסטענץ פון די, וועלכע ווי באשעפטיגען, וואס דער-צו נויטיג זיין די קראפט פון דער גאנ-צער מעמבערשיפ. פרעגט זיך, ווערט זאל די גאנצע מעמבערשיפ צווינגען די דזשאבערס צו טאן עפוואס, וואס ווערט א גוטע חלק פון ווי ארויסטרייבען פון טרייד? דעמאר, ווייל דער גאנצער פלאן איז, לויט אונזער מיינונג, זעהר און זעהר ניט דורכגעטראכט, און איז פיל מיט לעכער, דארף ער ניט פארעפענטליכט ווער-דען, ביז די גאנצע פראגע וועט ניט אויסגע-דראשען ווערען אין דעם ענגען צירקעל פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

ר. ש. — צוליב געוויסע אורזאכען, וועלכע מיר וועלען אייך ערקלעהרען פער-זענליך, האבען מיר דערוויל זיך צוריקגע-האלטען פון פארעפענטליכען אייער ארטי-קעל. עס קען אבער זיין, אז דורכריידענדיג זיך מיט אייך, וועלען מיר ענדערען אונזער מיינונג און איהם דאך פארעפענטליכען. די זאך איז פשוט, מיר האבען אונזער שטאר-קען צווייפעל אין דער ווירקונגס-קראפט פון די אנגעגעבענע מיטלען און ציפערן. אזעלכע ווי געזאגט, מיר וועלען זיך דורכריידען מיט אייך פערזענליך וועגען דעם.

LLOYD SABAUDO
3 State Street
נייע טראנסאטלאנטיק קאנטא ראוז
פון ניו יארק נאך יורופ.



ווי צו פארקלענערען אין א גרויסער מאס די קרענקליכקייט פון דעם געשלעכטס-געפיהל, מיט וועלכער די גרויסע שטאָדט איז פול. די באציהונג צו דער פרוי ווערט פיינער, נאטירליכער, מענשליכער. דאס אויג געוואוינט זיך שנעל צו צום עטבלויזטען — כאטש באזאקטען — פוס, און מעהר ווי באוואונדערונג פאר שעהנקייט פיהלט מען ניט.

אט די ריין־עסטעטישע זייט וויל איצט דאס לאנגע קלייד צונעהמען, און דאס איז א גרויסע עולה.

די פרויען און מיידלאך פון אמע-ריקע דארפען ארויסווייזען מעהר זעלב-שטענדיגקייט, ווי ביז איצט, און ניט נאכמאכען גלייך פאריז. די פרויען פון אמעריקע האבען גאנצע, שעהנע פיס, און דאס קורצע קליידעל פאסט זיך פאר זיי אויסגעצייכענט.

ניט ניט אויף דאס קורצע קליידעל, איהר פרויען פון אמעריקע! דאס קור-צע קליידעל איז אי געזונט, אי באקוועם, אי שעהן.

* * *

ווי אזוי עס קומט צו מיר, אז איך זאל זיך פלוצלונג נעהמען צו אזא מאָד-נער טעמע, ווי דאס קורצע קליידעל, איז מיר אליין א ביסעל א חידוש. איך האב אין דער „גערעכטיגקייט" ביז איצט הויפטזעכליך געשריבען וועגען פא-ליטיק, אי דאס וועגען אינטערנאציא-נאלער. מיינע טעמעס זיינען געווען לענדער און פעלקער, שטאטען און מלוכה-פעדעראציעס. פלוצלונג נאר אזא זאך ווי פרויען-קליידער?

אפשר האט עס צו טאן דערמיט וואס איך קום נאר וואס פון וואקיישאן, פון דריי וואכען באזוך אין די בערג. דארט ווערט א מענש רוהיגער, עסטעטישער, דארט נעהמט ער זיך באטראכטען זא-כען, וואס ער באמערקט געוועהנליך ניט אין דער טומעלדיגער שטאָדט.

דארט, אויף די פרייע פעלדער און טאלען, האבען איך געזעהן די מעהרסטע מיידלאך אנגעטאן אין „ניקערס", אין קורצע הויזען ביז די קני, מיט לאנגע זאקען. עס איז געווען וואונדערבאר שעהן. די מיידלאך האבען פריי גע-שפרונגען, געטאנצט און זיך געקאטשעט אין גראז. עס איז ווי אראפ די שטאָד-טישע איינגעצאמטקייט. די גראזען זיי-נען באשפרינקעלט געווען מיט גרויסע, חנ'עווריגע, צוויי-פיסיגע ברואים, און עס איז געווען ווי עפעס א ליכטיגער, ברײ-טער, שעהנער געזאנג.

איך האב געקוקט אויף די מיידלאך, געשעפט נחת פון זייער פרייקייט, גע-בענשט דעם מענש, וואס האט ערפונ-דען די פראכטפולע מאדע פון קהשקי-הויזען פאר פרויען.

פלוצלונג איז מיר ארייגעפאלען א צייטונג אין האנד און כ'האב דערזעהן, אז פאריז וויל ניט אנדערש, ווי איינ-פיהרען צוריק דאס לאנגע קלייד. עס האט מיר פארדראסען ביז גאר, און דער פארדראס לאזט מיך ניט אפ.

עס איז אוממעגליך, אומגלויבליך, אז די מיידלאך, וואס האבען פערזוכט דאס פארגעניגען פון טראגען „ניקערס", מיט דער פרייקייט וואס דאס גיט, זאלען וועלען ארייגקריכען אין די לאנגע קליי-דער, וואס רייבען אוועק די לייכטקייט, די פלינקייט, באקוועמליכקייט און שעהנ-קייט.

אויב די פרויען ווילען אין שטאָדט ניט טראגען קיין הויזען, זאלען זיי ווע-ניגסטענס טראגען קורצע קליידלאך. זאל אויפגעהויבען ווערען א קאמף געגען דער מאדע־דיקטאטור פון פאריז.

געדענקט: דאס קורצע קליידעל איז ניט נאר געזונט און באקוועם. עס איז פיל מעהר ווי דאס: עס איז שעהן!

ווי צו זיין געזונד

פון דר. ב. דובאווסקי.

גרייט זיך צום ווינטער-סיזאן.

דער זומער סיזאן איז שוין באלד פאראיבער. הערבסט קומט שוין און מיט איהם פאנגט זיך אן דער נייער סיזאן פון קראנקהייטען. יא, קראנקהייטען האבען אויך זייערע סיזאנס. הערבסט איז דער סיזאן פון „קאלדס", פון פארקעלטונג. ווינטער איז דער סיזאן פון קאלד'ס נאהענטע קרובים, בראנקייטיס, אינפלוענזא און לונגען-ענטצינדונג.

דער סיזאן קומט באלד און יעדער מענש מיט א ביסעל „קאמאן סענס" דארף זיך צוגרייטען צו באגעגענען דעם סיזאן.

דאס ערשטע וואס מען דארף טאן איז זיך צוגרייטען אזוי דאס מען זאל ניט כאפען א קאלד, און אום דאס צו טאן דארף מען זיך איינגעוואוינען צו אטעמען דורכ'ן נאז. עס איז צום שטוינען וויפיל מענשען עס ווייסען ניט דיזען איינפאכען כלל, דאס אטעמען דארף מען דורכ'ן נאז און ניט דורכ'ן מויל.

די נאז האט א ספעציעלע איינריכטונג אויף אנצואווארימען די איינגעאטעמטע לופט און פארהאלטען די גרעסערע שטיקלאך שטויב וואס געפינען זיך אין דער איינגעאטעמטער לופט. די לופט וואס קומט צו די לונגען איז דארום מעהר וועניגער גערייניגט.

אבער ווען מען אטעמט דורכ'ן מויל געהט די קאלטע, מיט שטויב באלאדענע לופט דירעקט צום האלז און פארורזאכט דארטען אן ענטצינדונג. דער שטויב און די אנדערע אונריינליכקייטען וואס געפינען זיך אין דער לופט האבען אויך א פרייערען צוטריט צו די לונגען.

געדענקט זשע. אטעמען דארף מען דורכ'ן נאז, ניט דורכ'ן מויל. ניט נאר איינאטעמען, נאר אויך אויסאטעמען דארף מען דורכ'ן נאז, און דאס מויל דארף בלייבען צוגעמאכט סיידען מען עסט, מען רעדט אדער מען זינגט.

און אויב עס איז אוממעגליך צו אטעמען דורכ'ן נאז, איז זיכער דא א שטערונג אין די עפענונגען פון דער נאז, און דיזע שטערונג מוז באזייטיגט ווערען. געהט דארום באצייטענס צו א דאקטאר און לאזט אונטערזוכען אייער נאז איידער דער סיזאן פון קאלד איז אין פולען ברען.

דאס צווייטע וואס איהר דארפט טאן אום זיך צוגרייטען פאר'ן קאלד-סיזאן, איז זיך איינגעוואוינען צו קעלט. איהר קענט שוין אנפאנגען זיך איינגעוואוינען וואשען אייער האלז און ברוסט-קאסטען מיט קאלטעם וואסער יעדען אין דער פריה, אום אייער הויט, אויף דיזע אפגעדעקטע טיילען פון אייער קערפער, זאל זיך צוגעוואוינען צו קעלט. עס איז א גוטע געוואוינהייט דאס שאדט ניט און קען אפט נוצען ברענגען.

א דריטע זאך איז זיך אפגעוואוינען פון עסען אזוי פיל וויפיל עס קען אריין אין מאגען. צופיל שפייז איז אפטמאל פונקט אזוי שעדליך און צייטענווייז נאך שעדליכער ווי צו וועניג שפייז. דאס עסען איז ניט קיין אויפגאבע צו און פאר זיך. מיר עסען בלויז אום גוט צו מאכען דעם פארלוסט פון ענערגיע וואס דער קערפער ליידט. געפינט אויס וויפיל שפייז איהר דארפט אין דער ווירקליכקייט האבען און עסט ניט מעהר.

א פערטע זאך איז אויסצומיידען פארשטאפונג. קאלדס האבען ליב צו קומען מיט א באזוך צו מענשען וועלכע ליידען פון פארשטאפונג. דער קערפער פון אזא מענשען איז פשוט ווי צוגעפאסט פאר'ן קאלד און דער קאלד פארבלייבט מאקע ביי אזא מענשען אויף א לענגערען באזוך ווי ביי אן אנדער מענשען.

היט זיך פון פארשטאפונג, אבער ניט דורך אפפיהר-מיטעל. מילך, גאנצע ווייצען ברויט, פרוכט און וועדזשעטייבעלס זיינען די שפייזען, וועלכע וועלען אייך העלפען באקעמפען פארשטאפונג. עקסערסייזעס, קערפערליכע איבונגען, טיף אטעמען און געהן פיל אויף דער פרישער לופט זיינען אויך גוטע וואפען אינ'ם קאמף געגען פארשטאפונג.

דיזע אלע אויסגערעכענטע מאסרעגלען דארף יעדער אנגעהמען שוין יעצט, איידער די קאלטע טעג קומען אן. ווער עס וועט עס יעצט טאן, וועט זיך פיהלען געזונד און מונטער ווען די נאר גרויסע קעלטען וועלען קומען, און אנשטאט צו זיצען אונטער דער „הרובע" און זיך ווארעמען וועט ער בעסער פארברענגען מעהר צייט אין דרויסען.

ווייל דאס זיין אין דרויסען, אויף דער קעלט, אטעמען דורך דער נאז און געהן מיט פעסטע זיכערע טריט שפאצירען איז די בעסטע אינשורענס געגען „כאפען א קאלד". דער קאלד אנטלויפט פון אזעלכע מענשען און לאזט זיך ניט כאפען.

ענטפערס אויף אנפראגען פון לעזער.

ל. ו ו י ע נ י נ ג ע ר. אזא שמערץ אין ברוסט-קאסטען קען קומען פשוט פון זיצען צופיל אנגעבויגען ביים מאשין. פרובירט נאך יעדען טאג ארבייט זיך „אויסגלייכען די ביינער", מאכען עקסערסייז ביי וועלכע איהר זאלט בויגען אייער קערפער אין פארשיידענע ריכטונגען. פראקטיצירט אויך טיף אטעמען ביי יעדער געלעגנהייט וואס איהר האט נאר, ווייל דאס זיצען א גאנצען טאג אנגעבויגען ביים מאשין גיט אייך קיין געלעגנהייט ניט צו אטעמען. מיר האבען שוין אויך באגעגענט אזעלכע שמערצען אין ארבייטער, וועלכע זיצען אויף צו הויכע ביינקלאך און מוזען זיך דארום צופיל איינבויגען ביים מאשין. ווען דיזע ארבייטער האבען אנגעפאנגען געברויכען נידריגערע ביינקלאך און זיצען גלייך זיינען זייערע שמערצען פארשוואונדען. פרובירט איהר דאס זעלבע. זיצט ווי ווייט נאר מעגליך וועניגער אנגעבויגען ביי דער ארבייט, גלייכט זיך אויס ווען איהר האט נאר א מינוט צייט, אטעמט טיף, און מאכט יעדען טאג געוויסע פיזישע איבונגען. (מיט א צייט צוריק האבען מיר אין דער גערעכטיגקייט געדרוקט א סעריע ארטיקלען וועגען פארשיידענע עקסערסייזעס וואס זיינען גוט פאר ארבייטער) און עס איז זעהר מעגליך דאס אייערע שמערצען וועלען פארשווינדען אהן מעדיצין.

ה. ק א ב ע ר נ י ק. וועגען דער צוקער-קראנקהייט האבען מיר ערשט מיט צוויי וואכען צוריק געדרוקט אן ארטיקעל אין דער „גערעכטיגקייט". אין ניכען וועט אויך ערשיינען א בוך אין אידיש וועגען דער צוקער-קראנקהייט.

מאנטרעאל אנערקענט גוטע ארבייט פון א מעמבער.

בר. וש. ריטש, וויים טשערמאן פון דער דושאינט באארד, געוועזענער סעקרעטער און איינער פון די וויכטיגסטע מעמבערס, וואס די יוניאן האט ביז יעצט געהאט, פארלאזט אונז. ער פאהרט נאך לאס אנדזשעלעס און מיר האפען, אז ער וועט פארטזעצען זיין טעטיגקייט אין העלפען פארשטארקערען די יוניאן אין לאס אנדזשעלעס.

דער דושאינט באארד, ווי אויך לאקאל 19, וועלכער האט איהם פרעזענטירט מיט א שעהנער קלאב-בעג, אלס אנערקענונג פאר זיין אקטיוויטעט אין לאקאל, וויל אויסנוצען דיזע געלעגנהייט און עפענטליך אויסדריקען א דאנק פאר זיין טרייע און איבערגעבענע ארבייט.

מיר ווינשען איהם און זיין פרוי א גליקליכע רייזע און האפען, דאס דער געדאנק, אז זיין גוטע ארבייט אין מאנטרעאל איז אנערקענט געווארען, וועט איהם געבען מוט ווייטער צו ארבייטען פאר דער יוניאן, וואו ער וועט נאר זיין.

י. שובערט, סעק.

פרעזענטירען דעם שאפ-טשערמאן.

די ארבייטער פון בירענבוים בראס. פון 1142 — 27טע סטריט, האבען ביי זייער שאפ-מיטינג באשלאסען צו פרעזענטירען זייער שאפ-טשערמאן, בר. אייזענבאך, מיט אן גאלדענער פאונטען-פען, פאר זיין גוטער ארבייט צו ארגאניזירען זייער שאפ.

די שאפ-קאמיטע:

רעגינע, האבער, פלארענס, סאפקע.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

פאניא מ. קאהען. — פון אייער פאסטקארט פון פאריז קענען מיר זיך משער זיין, אז איהר האט „א גרענד טיים", איהר נעמט אריין אין זיך אלעס שעהנעס פון דעם שעהנעם פאריז, און איהר פארגעסט ניט דערביי צו פארעסירען מיטינגען פון אונזערע שוועסטער און ברידער פון פאריז און האט קאנפערענצען מיט אלע די, וועלכע זיינען זיך מתעסק גלייך מיט אייך אין דער זעהר וויכטיגער מיסיע פון ארבייטער ערציהונג. איהר פאראייניגט, אלזא, אין אייער וואקיישאן דאס אנגענעמע מיט דאס נוצליכע, דאס איז ווירקליך אן אידעאלער וואקיישאן. מיר זיינען זיכער, אז אלע אונזערע סטודענטען וועלען עס שטארק הנאה האבען צו הערען, ווי גוט איהר האט עס, און ביז איהר וועט אליין קומען און פערזענליך זיי איבערגעבען אייערע איינדריקע, וועלען זיי זיכער פאר ליב נעמען דאס ביסעל, וואס מיר גיבען דא איבער אין די עטליכע שורות.

ס. לעווין. — אין אייער קורצען בריוועל, וועלכער אפעלירט צו די שאפ טשערמען, אז זיי זאלען ניט דערלאזען צו קיין אווערטיים, גיט איהר צו, אז די יוניאן האלט אין איין אפעלירען וועגען דעם. נאר עס העלפט ניט. שטעלט זיך די פראגע, אויב דער אפיל פון דער יוניאן העלפט ניט, טא, ווי קאנט איהר ערווארטען, אז אייער אפיל, אן אפיל פון אן איינצעלנעם, זאל יע מאכען די נויטיגע ווירקונג? אין דעם זעלבען אפיל מאכט איהר אבער אן אנקלאגע געגען דער יוניאן. איהר האט געבראכט א קלאגע געגען א געוויסען שאפ, וואו מען ארבייט שבת און זונטאג, און מען האט אייך געענטפערט: „וועל, דארט איז ניט קיין גוטער יוניאן שאפ". געוויס, איז דאס קיין ענטפער ניט. אויב די יוניאן ווייסט פון אזא שאפ, איז איהר אויפגאבע צו מאכען אזא שאפ פאר א גוטען יוניאן-שאפ. זייט איהר אבער זיכער, אז דאס ווערט ניט געטאן? אפשר ווארט אפ די יוניאן אויף דעם ריכטיגען מאמענט. אפשר האט זי שוין געטאן עפעס וועגען דעם. און אויב ניט, איז אייער פליכט ניט אויפצוהערען און האלטען אין איין פרעגען, ווארום דאס ווערט ניט געטאן. איהר זייט דאך א מעמבער פון דער יוניאן, איהר קומט געוויס צו די מעמבער-מיטינגען, ווארום, אלזא, ניט פארברענגען די אנגעלעגענהייט פאר דעם מיטינג? אין דער צייטונג, וואו איהר ווילט זאגאר ניט אנגעבען דעם לאקאל, פון וועלכען איהר זייט א מעמבער, קאן עס געוויס ניט האבען די נויטיגע ווירקונג. עס קאן נאר זיין גוטער מאטעריאל פאר די שונאים פון דער יוניאן. מיר ראטען אייך דערום, איידער צו אפעלירען „צו יעדען גוטען יוניאן מאן", פריהער א ל י י ן ווערען א גוטער יוניאן-מאן.

ל. גלעזער. — 1) מיר ווייסען ניט, אויב די יוניאן באאמטע האבען געקראגען די בעק-פעי, וואס זיי האבען ניט גענומען אין דער

דאס קורצע קליידעל

פון ג. טאביאס.

(פריזענד און איין אורזאכען, פאר וואס מען דארף ניט דאס לאנגע קלייד. — איין אורזאך, וואס איז וויכטיגער ווי אלע אנדערע)

אין א זשורנאל, וואס איז דער אפיציעלער ארגאן פון ארבייטער, וועלכע מאכען פרויען-קליידלאך, איז עס כמעט א חוצפה פון מיר צו וועלען זאגען עפעס וועגען דעם, צו דאס קליידעל זאל זיין קורץ אדער לאנג. וואס ווייס איך, א פשוט'ער שרייבער, אין אזוינע זאכען?

און דאך ריהרט די געשיכטע מיך אן. איך האב ליב דאס קורצע קליידעל און עס פארדריסט מיך אהן א שיעור, וואס געוויסע מאדע-מאכערס פון פאריז ווילען עס אויסראטען און איינפיהרען דאס לאנגע קלייד, וואס זאל זיין א מין בעזים און ראמען די גאסען, וועגען און טראטואַרען.

איך וועל, חלילה, ניט רעדען פון דעם פאך-שטאנדפונקט. זאלען זיך די קלאוק- און סקוירט-מאכער ניט שרעקען. אין דעם פארשטעה איך געוויס גארנישט. איך וועל רעדען פון נאר אן אנדער שטאנדפונקט.

ניט פון דעם היגיענישען. טאמער וואלט דאס מיר איינגעפאלען, האט עס מיר שוין אויסגעכאפט אונזער געזונט-קאמישאנער, דר. קאפלאנד. ער האט שוין פארעפענטליכט א סטייטמענט, אין וועלכען ער רעקאמענדירט די אמעריקאנער פרויען ניט צו פאלגען די מאדע-דיקטאטארען פון פאריז און בלייבען ביים קורצען קליידעל. דאס קורצע קליידעל, זאגט ער, איז געזונטער, באקוועמער און פרייער. דאס לאנגע קלייד, וואס דערגרייכט ביז'ן סוף פון פוס און אריבער, נעהמט זיך אן מיט אלערליי באצילען א גאנצען טאג, און דאס שעדיגט דאס געזונט פון מיידלאך און ווייבלאך. דאס לאנגע קלייד, זאגט ער ווייטער, שטערט די באוועגונגען. די פרוי מיט'ן לאנגען קלייד קען ניט געהן ווי ס'געהער צו זיין, און דער רעזולטאט איז: פוס-קראנקהייטען, מילץ-קראנקהייטען, לעבער-קראנקהייטען און הארץ-קראנקהייטען.

דר. קאפלאנד איז א רופא און ער ווייס זיכער, וואס ער זאגט. איך בין אבער אין צווייפעל צו די פרויען וועלען זיך רעכענען מיט זיינע אורזאכען. קראנקהייטען — וואס ארט דאס דער מיידעל, אבי זי זעהט אויס שעהן! א פרוי דארף זיין שעהן, און אלץ וואס עס העלפט דערצו איז גוט. פאר די קראנקהייטען פון מארגען — זאל זיך נאט זארגען.

דעריבער וואלט איך אפשר ניט אפעלירט אין נאמען פון געזונט, אז דאס קורצע קליידעל זאל בלייבען, אפילו ווען דר. קאפלאנד וואלט ביי מיר אט דעם אפיל ניט אויסגעכאפט. איך ווייס, אז דאס וואלט געווען ארויסגעווארפען.

איך וועל רעדען פון אן אנדער זייט, פון דער וויכטיגסטער זייט.

דאס קורצע קליידעל איז פיל שעהנער, ווי דאס לאנגע. פרויען זעהען אויס אין די קורצע קליידלאך פיל רייצענדער, אנציהענדער, פיינער, ווי אין די לאנגע.

פרויען אין קורצע קליידלאך זיינען ווי וואונדערבארע פאוועס, אדער אויב איהר ווילט, ווי שוואנען מיט זייערע העלזער ארויף. די העלזער — דאס זיינען די פיס וואס זיינען אנגעטאן אין ווייסע אדער רויטע זיידענע זאקען. בעת מיידלאך מיט קורצע קליידער געהען איבער די טראטוארען, מאכט עס דעם איינדרוק, ווי זיי וואלטען געגאנגען אויף שוואנען-העלזער, און די שווארצע גלאנציגע שיך זיינען שווארצע שנאבלען, וואס פיקען דעם אספאלט פון די גאסען.

פראפעסאר מאנטעגאזא, דער איטאליענישער עקספערט אין הלכות פרויען-שעהנקייט, האט זיך אמאל אויסגעדריקט, אז יעדער מאן ווערט פארציטערט מיט פרייד, ווען פון א לאנגען קלייד קוקט פלוצלונג ארויס דער שנאבעל פון א פרויען-שוך. אין זיין צייט האבען פרויען געטראגען לאנגע קליידער דורכאויס. היינט וויפיל פרייד פארשאפט עס, ווען מען זעהט א גאנצען פוס, ניט בלויז דעם שנאבעל פון א שוך.

פארשטעהט זיך, עס רעדט זיך וועגען שעהנע פיס. ניט שעהנע פיס דארף מען טאקע ניט זעהן, און איך האב א שטארקען חשד, אז די נייע מאדע פון לאנגע קליידער ווערט איינגעפיהרט כדי אנצוטאן א נחת רוח די פרויען, וואס האבען ניט קיין שעהנע פיס. מסתמא האט עפעס א באראנעסע, וואס האט געהאט ניט קיין זעהר עסטעטישע „גע-הערס", שטארק פראטעסטירט, און די מאדע-מאנארכען האבען זיך געפונען געצוואונגען איהר צוליב צו טאן.

דער באראנעסע איז טאקע ניטא וואס צו פארדענקען. און איך האב גרויס איינזעהעניש מיט די געפיהלען פון אלע פרויען, וואס זייערע פיס זיינען ניט פון די פיינעלריגע, כ'מיין ניט קיין שוואנען-העלזער. האב איך טאקע א פלאן: זאלען די פרויען מיט שעהנע פיס טראגען קורצע קליידלאך, און די וואס זייערע פיס זיינען פארקעהרט — לאנגע.

דערמיט וואלט די פראבלעם געליזט געווארען. די ציג וואלט געווען גאנץ און דער וואלף זאט.

ווען איך אפעליר צו די פרויען זיי זאלען בלייבען ביי די קורצע קליידלאך, מיין איך טאקע הויפטזעכליך די שעהן-פוסיגע. געוויס, אויב מען זאל דורכפיהרען די אויבען-רעקאמענדירטע צוטיילונג, וועט דאס זיין א מין ארויסגעבען זיך. יעדע פרוי, וואס וועט טראגען א לאנגע קלייד, וועט דערמיט גופא אויסזאגען דעם סוד, אז איהרע פיס זיינען ניט שעהן, נאר פארקעהרט. פארשטעה איך דאס אויך, און מיין הארץ איז ניט פרעמד פון סימפאטיע. ערקלעהר איך זיך גרייט צו זעהן ניט זעהר שעהנע פיס, פון זיי ניט לאכען, ליידען אין דער שטיל, ווי מען זאגט, אבי דאס קורצע קליידעל זאל בלייבען. כ'בין גרייט צו שווייגען ביים אנבליק פון צעהן ניט-שעהנע פיס, אבי כ'זאל האבען די געלעגנהייט אמאל צו זעהן א פאר שעהנע.

דאס קורצע קליידעל איז שעהן. עס מאכט דאס שעהנע מיידעל נאך שעהנער, און די, וואס איז ניט אזא קראסאוויצע, גיט עס אויך צו א באזונדערען חן. עס מאכט איינגער, פרישער, שפילעוודינער, רייצענדער.

דאס קורצע קליידעל האט בכלל דעם גרויסען פארדינסט, וואס עס האט אפען באוויזען דער וועלט, אז ניט נאר מענער, נאר אויך פרויען האבען פיס. און דא ווער איך שוין גאר ערנסט. אזא ענטדעקונג איז באמת נויטיג געווען. עס איז געזונט, שעהן און אפפרישענדיג. דערמיט וואס די פרויען לאזען אפען וויסען, אז זיי פארמאגען פיס, העלפען

די לאקאלס פון דעם אינטערנעשאנאל און זייערע אדרעסען

1. לײדיס' ענד מיסעס' טשרײמערס, 100 וועסט 21טע סטריט
2. פילאדעלפיער קלאוקמײקערס, 232 נארט 9טע סט., פילאדעלפיא, פא.
3. לײדיס טײלארס און סעמפעל-מײקערס — 12 וועסט 29טע סט. ניו יארק.
4. קלאוקמײקערס יוניאן — 1023 א. באלטימאר סט., באלטימאר, מד.
5. קלאוקמײקערס יוניאן — 1819 וו. דיוויזשאן סט., שיקאגא, איל.
6. עמבראידערי װאירקערס — 394 א. 150טע סט., ניו יארק.
7. רײנקאוט מײקערס יוניאן — 919 וואשינגטאן סט., באסטאן, מאס.
8. לײדיעס גארמענט װאירקערס — 411 פילען בלדג., סאן פראנציסקא, קאל.
9. קלאוק און סוט טײלארס — 228 סעקאנד עוו., ניו יארק.
10. אמאלגאמײטעד גארמענט קאטערס, 231 איסט 14טע סט., ניו יארק.
11. קלאוקמײקערס יוניאן — 219 סעפ-סען סט., ברוקלין.
12. פרעסערס יוניאן — 724 וואשינג-טאן סט., באסטאן, מאסס.
13. קלאוקמײקערס יוניאן — 37 פרינס ארטור סט., א., מאנטרעאל, קענעדע.
14. קלאוקמײקערס יוניאן — 84 בע-װערלי סט., טאראנטא, קענעדע.
15. װײסטמײקערס יוניאן — 33 נ. 11טע סט., פילאדעלפיא, פא.
16. קאטערס יוניאן — פראװידענס ביל-דינג, רום 9, 11טע און פרענקלין עווס., סט. לואיז, מא.
17. ריפערמײקערס יוניאן — 144 סע-קאנד עוו., ניו יארק.
18. קלאוק און סוט פרעסערס — 1819 וו. דיוויזשאן סט., שיקאגא, איל.
19. קלאוק קאטערס יוניאן — 1466 קלארק סט., מאנטרעאל, קענ.
20. וואטערפרוף גארמענט װאירקערס, 22 וו. 17טע סט., ניו יארק.
21. לײדיס טײלארס — 108 מאנטגא-מערי סט., נוארק, נ. דזש.
22. דרעס מײקערס יוניאן — 16 וועסט 21טע סטריט, ניו יארק.
23. סקוירטמײקערס יוניאן — 231 א. 14טע סט., ניו יארק.
24. סקוירטמײקערס יוניאן — 724 ווא-שינגטאן סט., באסטאן, מאסס.
25. װײסטמײקערס יוניאן — 16 וו. 21טע סט., ניו יארק.
26. קלאוקמײקערס יוניאן — 1024 וואל-נאט עווע., קליװלאנד, א.
27. סקוירטמײקערס יוניאן — 1024 װאלנאט עווע., קליװלאנד, א.
28. לײדיס טײלארס יוניאן — 2718 דזשעקסאן סט., סיעטל, וואש.
29. קלאוק פינישערס יוניאן — 1024 װאלנאט עווע., קליװלאנד, א.
30. קאטערס יוניאן — 311 ארד פע-לאוס בילדינג, סינסינעטי, א.
33. קארסעט װאירקערס יוניאן — 409 װארנער בילדינג, ברידזשפארט, קאנ.
34. קארסעט קאטערס יוניאן — 237 קעפיטאל עוו., ברידזשפארט, קאנ.
35. פרעסערס יוניאן — 228 סעקאנד עוועניו, ניו יארק.
36. לײדיס טײלארס ענד דרעס מײ-קערס — 191 מאונטאנד סט., ראקס-בורי, מאסס.
37. פרעסערס יוניאן — 1024 װאלנאט עווע., קליװלאנד, א.
39-40. קארסעט קאטערס יוניאן — 285 גרינוויטש עוו., ניו הייווען, קאנ.
41. קימאנא װאירקערס יוניאן — 22 וו. 17טע סט., נ. י.
42. קלאוק און סוט קאטערס יוניאן — 1024 װאלנאט עווענױ, קליװלאנד, א.
45. יונײטעד דעזײנערס און לײדיס װער — 36 וו. 33טע סט.
46. פעטיקאוט װאירקערס יוניאן — 106 וועסט 25טע סט., ניו יארק.
48. איטאליען קלאוקמײקערס — 231 א. 14טע סט., נ. י.
49. װײסטמײקערס יוניאן — 919 ווא-שינגטאן סט., באסטאן, מאסס.
50. משילדרען'ס דרעסמײקערס יוניאן, 22 וו. 17טע סט., נ. י.
52. לײדיס גארמענט װאירקערס יונ-יאן — 138½ ס. ספרינג סט., לאס אנדזשעלעס, קאל.
53. קאטערס יוניאן — 232 נארט 9טע סט., פילאדעלפיא, פא.
54. רײנקאוט מײקערס יוניאן — 1819 דיוויזשאן סטריט, שיקאגא, איל.
56. קלאוקמײקערס יוניאן — 724 ווא-שינגטאן סט., באסטאן, מאסס.
58. װײסט און באטאנהאול מײקערס, 106 פארסײטה סטריט, נ. י.
59. קלאוק און דרעס פינישערס יוניאן 1819 דיוויזשאן סט., שיקאגא, איל.
60. דרעס און װײסט פרעסערס יו-ניאן — 16 וו. 21טע סט., ניו יארק.

לאקאל 61. קלאוק און סוט פרעסערס יוניאן — 37 פרינס ארטור סט., א., מאנטרעאל, קענעדע.
62. וואיט גודס װאירקערס יוניאן — 117 סעקאנד עוו., נ. י.
63. קלאוקמײקערס יוניאן — 311 ארד פעלאוס האל, נ. וו. 7טע און עלם סטס., סינסינעטי, א.
64. באטאנהאל מײקערס יוניאן — 67 וו. 21טע סט., נ. י.
66. באנאז עמבראידערערס יוניאן — 220 א. 14טע סט., נ. י.
67. קלאוקמײקערס יוניאן — 2139 12טע סט., טאלידא, א.
68. גארמענט װאירקערס יוניאן — 26 בליום סט., הארטפארד, קאנ.
69. קלאוק פינישערס יוניאן — 232 נארט 9טע סט., פילאדעלפיא.
70. סקוירט און דרעסמײקערס יוניאן, 208 סאװאנא עוו., טאראנטא, קענ.
71. קלאוק פרעסערס יוניאן, — 232 נ. 9טע סטריט, פילאדעלפיע.
72. דרעס און וואיט גודס װאירקערס, 1023 א. באלטימאר סט., באלטימאר.
73. אמאלגאמײטעד גארמענט קאטערס יוניאן — 724 וואשינגטאן סטריט, באסטאן, מאסס.
75. קלאוקמײקערס יוניאן — 10 פלעזענט סט., וואוסטער, מאסס.
76. קאסטאם דרעסמײקערס יוניאן — 726 ס. 8טע סט., פילאדעלפיא.
78. קלאוק אפרײטארס יוניאן — פרא-װידענס בילדינג, רום 9, 11טע און פרענקלין עוו., סט. לואיס, מא.
79. לײדיס טײלארס יוניאן — 128 המילטאן עוו., גרינוויטש, קאנ.
81. קלאוק און סוט קאטערס יוניאן — 1819 וו. דיוויזשאן סט., שיקאגא, איל.
82. עקזאמינערס און בושלערס יוניאן, 231 א. 14טע סט., נ. י.
83. קאטערס יוניאן — 84 בעװערלי סט., טאראנטא, קענ.
84. קאטערס יוניאן — 716 מאנינאלא סט., טאלידא, א.
86. לײדיס טײלארס יוניאן — 705 מעין סט., סט. דזשאן, נ. ב., קאנ.
87. רײנקאוט מײקערס יוניאן — באקס 580, טרענטאן, נ. דזש.
89. איטאליען װײסט ענד דרעס מײ-קערס יוניאן — 8 וו. 21טע סטריט, ניו יארק.
90. פרײװעט דרעס מײקערס יוניאן — 725 לעקסינגטאן עוו., ניו יארק.
92. קלאוק פרעסערס יוניאן — 84 בע-װערלי סט., טאראנטא, קאנ.
93. סעמפעל מײקערס ענד לײדיס טײ-לארס — 305 סופיריאר בילדינג, קליװלאנד, א.
95. קארסעט װאירקערס יוניאן — 19 האװטאן סט., דענבורי, קאנ.
96. לײדיס טײלארס ענד אלטערײשאן װאירקערס יוניאן — 419 טוק סט. (האום), ניו הייווען, קאנ.
97. לײדיס טײלארס יוניאן — 529 וו. 8טע סט., לאס אנדזשעלעס, קאל.
98. סקוירט פרעסערס יוניאן — 311 ארד פעלאוס האל, נ. וו. 7טע און עלם סטס., סינסינעטי, א.
100. װײסט און װײט גודס װאירקערס יוניאן — 29 נ. וועללס סט., שיקא-גא, איל.
101. גארמענט טײלארס װאירקערס יונ-יאן — 1023 א. באלטימאר סט., באל-טימאר, מד.
102. רײנקאוט מײקערס יוניאן — 24 גולבאולט סט., מאנטרעאל, קאנ.
103. לײדיס װײסט און דרעסמײקערס יוניאן — ליבער טעמפעל, 540 מײפעל עוו., לאס אנדזשעלעס, קאל.
104. לײדיעס טײלארס יוניאן — 164 וו. װאשינגטאן סט., י. 306, שיקא-גא, איל.
110. קאטערס יוניאן — 925 א. באלטי-מאר סט., באלטימאר, מד.
111. קליװלאנד רײנקאוט מײקערס יונ-יאן — 305 סופיריאר בילדינג, קליװלאנד, א.
112. לײדיעס גארמענט װאירקערס יונ-יאן — 37 פרינס ארטור סט. א., מאנטרעאל, קענ.
113. לײדיעס גארמענט װאירקערס יונ-יאן — 723 א. 212טע סט., מאונט ווערנאן, נ. י.
114. ראבער ענד רײנקאוט מײקערס יונ-יאן — 2030 אירי סט., ראסין, וויסקאנסין.
115. װײסט, דרעסמײקערס און װײט גודס מײקערס — 843-45 בראד סט., ר. 48, נוארק, נ. דזש.
118. לײדיעס גארמענט װאירקערס יונ-יאן — 1117 קעין עוו., קלינטאן, אייאווא.
120. קאסטאם לײדיעס טײלארס יוניאן, 20 פארעסטער סט., ראטשעסטער, נ. י.
121. װײסט ענד דרעסמײקערס יוניאן, 636 לאנדיס עוו., וויינלאנד, נ. דזש.
123. לײדיס גארמענט װאירקערס יונ-יאן — 74 נ. מעין סט., פאטערסאן נ. דזש.
124. לײדיס גארמענט פיטערס ענד אל-טערײשאן װאירקערס — 609 פרינ-ווילאו בולווארד, סאן פראנציסקא, קאל.
125. לײדיעס גארמענט װאירקערס יונ-יאן — באקס 88, סקרענטאן, פא.
126. לײדיעס טײלארס יוניאן — 132 המילטאן סט., גרינוויטש, קאנ.
127. קלאוקמײקערס יוניאן — 46 סאל-וואטער עווע, סטאמפארד, קאנ.
128. ראבער װאירקערס יוניאן — 39 פלימוט סט., קיימברידזש, מאסס.
129. רײנקאוט מײקערס יוניאן — 84 בעװערלי סט., טאראנטא, קאנ.
131. ריטײל לײדיעס גארמענט סײלס-לײט יוניאן — 175 איסט בראדוויי, נ. י.
132. קלאוק באטאן װאירקערס יוניאן — 126 וו. 29טע סט., נ. י.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יארק

איסט ריווער נעשאנאל באנק

680 בראדוויי, ניו יארק סיטי.

אינטערעסט ווערט געצאהלט יעדען מאנאט אויף ספעשעל אינטערעסט און סײווינג אקאונטס.

קלײנע דעפאזיטס ווערען מיט פארגעניגען אנגענומען.

עפענט אײער אקאונט איצט

סייף דעפאזיט באקסעס $5.00 און העכער.

געלט ווערט געשיקט אין אלע טיילען פון דער וועלט.

די באהאנדלונג וואס מיר גיבען אונזערע „אלטע ביזנעס" איז דער ער-גומענט פאר'ן שטענדיגען וואקסען פון אונזער „נייע ביזנעס."

דעזײנינג פעטערן מײקינג גרײדינג

פאר קלאוקס, סוטס אדער דרעסעס, צו האלבע פרייזען.

בלויז פאר א באשרענקטער צייט. אינסטרוקשאן סטריקטלי פריוואט, דורכ'ן טאג אדער אין די אווענט שטונדען.

ROSENFELD'S LEADING COLLEGE OF DESIGNING AND PATTERN MAKING

222 East 14th St., New York, N. Y.

Bet. 2nd & 3rd Avenue Tel. 5817 Stuyvesant



גרויסע שטעלע פאר דעזײנינג און קאטינג, עקספּערטערע דעזײנינג.
פראפ. א. ר'לעסיש
44 וו. 34טע סט.
322 לענאקס עוו.
(126טע סט.)
קורסען פאר יונגע פרויען פאטערן מײקינג, סקעטשינג.
טשעסטערפילד $6.00

הארלעם סאציאליסטישער עדוקײשאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען פארק און מעדיסאן עוו.

צו פארדינגען א גרויסען האל

קען אריינגעמען 600 מענשען

פאר קאנצערטען, באלער, פארזאמלונגען, חתונות און אז. וו.

אויך אפיסעס און מיטינג רומס.

אפען יעדען טאג ביז שפעט בײנאכט.

טעלעפאן: הארלעם 9020.

דעזײנערס פון

פרויען קלײדער ווערען א סך פארלאנגט

א גוטע פראפעסיע פאר מענער און פרויען!

אין דעזײנינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קלײדער א קורס אין מיטשעל סקול מײנט א בעל-דיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקול און גארמענט דעזײנינג, פעטערן מײקינג, גרײ-דינג און פיטינג פאר פרויען קלײ-דער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נײע אידעען
נײע סיסטעמען
בעסטע מאטעריאלען
בעסטע רעזולטאטען

פריוואטע אונטעריכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציע.

פרייע דעמאנסטרײשאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרײטאג

דעמאנסטרײשאן פריי אין דער סקול.

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

15 WEST 37th STREET, NEW YORK

Phone: Fitz Roy 1674

Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

ענינים פון אונזער אינטערנע־שאנאל אין דער פרעסע.

(שלוס פון זייט 11)

געזעהן, אז די צייט פאר רופען אזא סטרייק איז נאך ניט קיין גינסטיגע.

דיזער פאקט האט אבער ניט געשטערט דער דזשאינט באארד צו געדענקען, אז די יוניאן איז אן ערנסטע און אז אן ארגאניזיישאנס־קאמפיין מוז גלייך אנגעפיהרט ווערען. און דעם ערשטען אויגוסט איז פאררופען געווארען א מיטינג, ביי וועלכען אלע עקזעקוטיוו־מעמבערס פון די פיר לאקאלען צוזאמען מיט די דזשאינט באארד מעמבערס און עקזעקוטיוו מעמבערס פון דער יוניאן האבען די פראגע צוגעהערט פון אלע זייטען און נאך א לאנגער דעבאטע איבער דער פראגע פון „קארפארײשאן שעפער", אין וועלכער אלע האבען גענומען אנטייל, איז באשלאסען געווארען איינשטימיג, דאס די יוניאן זאל זיך, ביז אפשטעלען ביי די שטרענגסטע מיטלען אויסצוראטען דיזע „סקעב־שעפער" און ארגאניזירען דעם גאנצען טרייד.

אלס רעזולטאט פון יענעם מיטינג, פירט די דזשאינט באארד אן א פיבערהאפטע טעטיגקייט צו ארגאניזירען אזוי פיל שעפער ווי נאר מעגליך.

„...דער אגרימענט, וועלכען די קלאוקמאכערס יוניאן האט דורכגעפיהרט מיט דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן אין ניו יארק איז פון די באסטאנער ארבייטער זעהר ווארעם באגריסט געווארען און ער האט ארויסגערופען באגייסטערונג אין די רייהען פון דער באסטאנער קלאוקמאכערס יוניאן.

ווען געוויסע „אינטריגאנטען" האבען געזוכט מאכען טראבעל אין ניו יארק געגען דער יוניאן און געהעצט געגען דעם אגרימענט, וועלכען די ניו יארקער קלאוקמאכער האבען אין א רעפערענדום מיט א ריזיגער מאיאריטעט גוטגעהייסען, האבען די באסטאנער קלאוקמאכער געזעהן מיט פאראכטונג וויאזוי די צושטערער און „פועלער" און האבען מיט פרייד אויפגענומען די נייעס דאס זייערע יוניאן־ברידער אין ניו יארק האבען מיט קלארען באוואוסטזיין אפגעשטויסען פון זיך די עלעמענטען, וועלכע האבען שטענדיג געזוכט פארשאפען צרות דער יוניאן.

לויט דער מיינונג פון מענעדזשער, גענאסע א. סניידער, האט דער קלאוק־סיזאן זיך באשטעלט שוין פון לאנג אנהויבען. דער סיזאן האט זיך אבער אביסעל פארשפעטיגט.

אזוי ווי עס איז איצט די צייט פון באנייען אגרימענטס מיט די קלאוק־באסעס, ווילען זיי אויסנוצען דעם פאקט, וואס דער סיזאן האט זיך פארשפעטיגט, כדי צו פרובען ארונטערדריקען עפעס פון די באדינגונגען, און זיי קווינקלען זיך ביז וואנען זיי באשליסען ביי זיך צו באנייען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן."

„... גענאסע סניידער דריקט אויס די האפנונג, וועלכע איז ביי איהם כמעט א זיכערהייט, דאס אין א גאר קורצער צייט וועט דער סיזאן זיך אנהויבען און אז ער וועט זיין זעהר א גינסטיגער פאר די קלאוקמאכער. זעהענדיג ווי די ארבייטער זיינען באגייסטערט צו העלפען דער יוניאן אויסראטען אלע סקעב אין קארפארײשאן־שעפער, און מאכענדיג א פארזוך צו ברייגגען די קלאוקמאכער אין ענגער פארבינדונג מיט דער יוניאן, איז דער מענעדזשער האפנונגספול, אז דיזע שעפער וועלען אויסגעראטעט ווערען, און אז ווען די יוניאן וועט פארטיג ווערען מיט דיזער גרויסער ארגאניזאציאנס־ארבייט, וועט ניט בלויז דער איצטיגער סיזאן, נאר דער שטענדיגער צושטאנד פון דעם קלאוק טרייד ווערען א פארבעסערטער פאר די ארבייטער אין דער אינדוסטריע."



גוט צוגעפאסטע אויגען־גלעזער מאכט אייך ריכטיג זעהן.

גוט צוגעפאסטע אויגען־גלעזער קען מען באקומען נאר אויף איין וועג, — די אויגען מוזען עקזאמינירט ווערען פון אן אפטאמעטריסט, וועלכער איז א רעדזשיסטרירטער דאקטאר, און די גלעזער מוזען פארפערטיגט ווערען פון א פעהיגען אפטישאן.

דר. בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 איסט בראדוויי, ניער קלינטאן סט.
102 לענאקס עווענױ, נעבען 116טע סט.
805 פראספעקט עווע., נעבען 163טע סט.
170 פיטקין עווע., נעבען ראקאוועי עווע.
262 איסט פארדהאם ראוד, בראנקס.
2313 7טע עוו., צווישען 136 און 137 סט.

קויפט אויסשליסליך

קאלאמביא טהעע
צוזעטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

די מאדערן פעשאן סקול

האט געמופט אין א גרעסערע היים און וועט זיין גרייט אויפצונעהמען אפליקאנטען פון מאנטאג אווענט, דעם 11טען סעפטעמבער און ווייטער, פאר סקעטשינג, דראפטינג און פעטרען־מייקינג, פאר ליידיס, מיסעס און טשילדרענס גארמענטס.

אפען אווענטען פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 4.

עקספערט אינסטרוקטארס. מעסיגע פרייזען

The Modern Fashion School

104 West 43rd Street, Bet. B'way and th Ave.

קלאוק און סקוירט פרעסערס

יוניאן, לאקאל 35, אויפמערקזאם!

נעהמענדיג אין אנבאטראכט די איצטיגע לאגע אין טרייד, ווען עס געהען ארום פילע פרעסערס ארבייטסלאז, האט די עקזעק. באארד באשלאסען, אז

קיין פרעסער זאל ניט ארבייטען קיין אווערטיים

אין א שאפ, וואו ס'איז פאראן לעדיגע פלאץ פאר נאך פרעסער! אויך האט די עקזעקוטיוו באשלאסען, אז

קיין פרעסער זאל ניט געהן ארבייטען אין א נאן־יוניאן אדער קארפארײשאן־שאפ!

די וואס וועלען ניט אויספאלגען די באשלוסען פון דער עקזעקוטיוו באארד, וועלען גערופען ווערען צו דער גריוועגס קאמיטע און וועלען באשטראפט ווערען.

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 35,

דזש. ברעסלאוו, מענעדזשער.

קלאוקמאכער

שאפ טשערלייטע, אויפמערקזאם!

ערלויבט ניט קיינעם צו ארבייטען ביי אייך אין שאפ אהן א ווארקינג קארד

קלאוק אפערייטארס, מעמבערס פון לאקאל 1, געהט ניט ארויף אין קיין שאפ ארבייטען ביז איהר קריגט א ווארקינג קארד פון לאקאל 1 אפיס

לאקאל 1 האט לעצטענס איינגעפיהרט א ספעציעלע רעקארדינג ביורא. דאס איז אומבאדינגט נויטיג אום צו האבען א קאנטראל איבער אונזערע מעמבערס. ערשטענס, אז זיי זאלען ניט ארבייטען אין סקעב און קארפארײשאן שעפער, און צווייטענס, ווילען מיר איינפיהרען אן ארבייטסלאזען בענעפיט פאנד און אויך מעגליך א לייבאר ביורא.

די רעקארדינג ביורא קען ניט ארבייטען סיידען יעדער מעמבער וואס בייט זיין פלאץ זאל אויך בייטען זיין ווארקינג קארד.

אלזא, ברידער טשערלייטע! ערלויבט ניט קיינעם צו ארבייטען אין אייער שאפ ביז דער מעמבער וועט ברייגגען א ווארקינג קארד פאר אייער שאפ, און איהר קלאוק אפערייטארס, מעמבערס פון לאקאל 1, בייט אייער ווארקינג קארד אין לאקאל 1 אפיס איידער איהר געהט ארויף ארבייטען אין אייער שאפ.

עקזעקוטיוו באארד, לאק. 1

א. ל. ג. וו. י.

ב. קאפלאן, טשערמאן. ב. שעהן, מענעדזשער־סעקרעטער.

דער

ארבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $1,500,000
מיטגלידער — 82,000
בראנטשעס — 645

דער ארב. רינג שטיצט זיך דעם וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.

דער ארבייטער רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגליעדער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליעד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקונפט ווענדעט זיך:

THE WORKMEN'S CIRCLE

175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי
ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אן מיין גערעכטיג־
קייט האלט איך זיך
שטארק, און וועל
איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע
לענדער, פאראיי־
ניגט אייך, און די
וועלט וועט זיין
אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. IV, No. 37. New York, Friday, September 15, 1922. פרייטאג, 15טען סעפטעמבער, 1922 PRICE 3 CENTS

ערנסטער צוזאמענשטויס ביים קלאוק־ ווײדזש קאמישאן

„די קאמישאן קאן איפנעהמען נאר די ווײדזש-פראגע"—זאגט וויים-פרעזידענט פיינבערג. — נאך א זיצונג פון דער קאמישאן וועט פארקומען דעם מיטוואך.

אין די „גערעכטיגקייט" איז שון געווען געמעלדעט, דאס ביים אנפאנג, ווי גאר די ווײדזש-קאמישאן איז זיך צונויפגעקומען, האט מר. באסעט, דער פארשטעהער פון די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, אויפגעהויבען א פראגע, וואס איז גאר ניט אין די ראמען פון דער קאמיסיע. ער האט, נעמליך, פארלאנגט, דאס פונקט אזוי גיט ווי די קאמיסיע וועט אונטערזוכען, וויפיל א קלאוקמאכער פארדינט דורכ'ן יאהר, זאל זי אויך אונטערזוכען, וויפיל ארבייט ער גיט ארויס. ער האט, הייסט עס, געוואלט, די קאמיסיע זאל זיך אויך פארנעמען מיט'ן אויסמעסטען די ארבייט, צו באשטימען וויפיל ארבייט דער קלאוקמאכער האט ארויסגעגעבען פאר די ווײדזשעס, וואס ער האט באקומען.

וויים-פרעזידענט י. פיינבערג, וואס פארנעמט אין דער קאמיסיע דעם ארט פון פרעזידענט שלעזינגער, האט גלייך געגען דעם פראטעסטירט. ער האט געטענה'ט, אז אזא טעטיגקייט איז ניט אין די ראמען פון דער ווײדזש-קאמיסיע. דער אגרימענט, וואס איז געמאכט געווארען צווישען דער אסאסיאיישאן און די יוניאן — האט ער געזאגט — שרייבט פאר, דאס עס זאל געשאפען ווערען א ווײדזש-קאמיסיע, וואס זאל אונטערזוכען דעם דורכשניטליכען פארדינסט פון די קלאוקמאכער, כדי מען זאל וויסען, וויפיל א ארבייטער אין קלאוק-טרייד פארדינט אין א יאהר צייט. אבער, זאגט ער, — אין אגרימענט ווערט גאר ניט געזאגט, די קאמיסיע זאל זיך אויך פארנעמען מיט מעסטען די ארבייט. און ווען יענע זיצונג פון דער קאמיסיע האט זיך געענדיגט, איז עס פארשטאנען געווארען, דאס מר. באסעט האט די פאדערונג געלאזען פאלען.

לעצטען דינסטאג האט די ווײדזש־קאמיסיע געהאט נאך א זיצונג, און מר. באסעט, דער פארשטעהער פון די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, איז ווידער ארויסגעקומען מיט'ן זעלביגען פארלאנג. ווידער די זעלבע מעשה. ער ווייל מען זאל אינטערזוכען די מאס ארבייט, וואס די ארבייטער האבען ארויסגעגעבען פאר דאס געלד, וואס זיי האבען באקומען.

ברודער פיינבערג, דער פארשטעהער פון דער יוניאן, האט ווידער געענטפערט לא מיט אן אלף, דאס הייסט, ניין! ער האט ווידער ארגומענטירט, אז ניט פאר דעם איז די ווײדזש-קאמיסיע געשאפען געווארען. אין די זיצונג האט זיך פארענדיגט, אזוי צו זאגען, מיט גארניט.

דעם מיטוואך, ווען די צייטונג געהט צום דרוק, וועט די ווײדזש-קאמיסיע האבען נאך א זיצונג. מיר האבען געזעהן ברודער פיינבערג, איידער ער איז געגאנגען צו דער זיצונג, און מיר האבען איהם געפרעגט, וואס עס וועט זיין, וואס ער דענקט דארט צו טאן. און ער האט אונז ערקלערט דאס פאלגענדע:

„איך קאן זיך באטייליגען און וועל זיך באטייליגען אין דער קאמיסיע נאר דעמאלט, ווען די קאמיסיע וועט טאן נאר דאס, צו וואס זי איז געשאפען געווארען. דאס מיינט, אויב זי וועט זיך אפגעבען מיט אונטערזוכען די פארדינסטען פון די קלאוקמאכער, ווי דאס ווערט באשטימט פון דעם אגרימענט. זאל אבער דער פארשטעהער פון די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן ווידער באשטעהן ארויפצוברענגען

(שלוס אויף זייט 5.)

ספעציעלער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

לעצטען פרייטאג איז אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל אפגעהאלטען געווארען א ספעציעלער מיטינג פון די אלע ניו־יארקער דעלעגאטען פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

אויף דעם מיטינג איז אויך אנוועזענד געווען וויים-פרעזידענט מ. פערעלשטיין, פון קליוולאנד, וועלכער איז גראד געקומען אין ניו יארק, און באצוג די פאדערונגען, וואס די קלאוקמאכער יוניאן פון קליוולאנד שטעלט ארויס צו די באנייאונג פון דעם טרייד-אגרימענט.

אויף דעם מיטינג זיינען איינגענומען געווארען איינינע וויכטיגע פראגען פון אונזער יוניאן אין דער לעצטער

(שלוס אויף זייט 7.)

וויים-פרעז. זיידמאן אפגעפאהרען אין קענעדע

אויף דעם לעצטען מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז וויים-פרעזידענט מאוו זיידמאן אפאינטעט געווארען אלס אינטערנעשאנאל ארגאניזער פאר קענעדע, און ער איז די וואך אפגעפאהרען איבערנעהמען דעם אמט.

ברודער זיידמאן וועט מאכען זיינע העדקוואטערס אין טאראנטא, דארט וועט זיין די הויפט-קוואטיר, פון וואנען ער וועט אנפיהרען אן ארגאניזאציאנס-קאמפיין.

הויפטזעכליך וועט ער זיך אפגעבען מיט די קלאוקמאכער יוניאן, וועלכע איז אין די לעצטע צייט אפגעשוואכט געווארען. ער וועט זיך נעמען צוריקשטעלען די יוניאן אויף די אייגענע פיס, און פאר דעם וועט ער זיכער באקומען די הילף פון אלע טעטיגע יוניאן-לייט, וואס זיינען פארבליבען אין טאראנטא. דיזע ארבייטער וועלען גע־

(שלוס אויף זייט 16.)

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 37.

זייט 2. די וואך — ב. ש.
זייט 3. די איצטיגע לאגע אין קלאוק טרייד — ל. היימאן. שלוסען פון זייט 1.
זייט 4. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער. אין די באסטאנער לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל — פרעד מאנסאן.
זייט 5. עקזאמינערס, באגריידערס, בושלערס יוניאן לאקאל 82 — מ. י. אשפיז. א ווארט וועגען דער איצטיגער לאגע אין איראפא — דר. דזשארדזש מ. פריים.
זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען. דער שלוס פון די פיפעל'ס רעליף קאנווענשאן אין פילאדעלפיע.
זייט 7. ביילקע און בימי (ערצעהלונג) — ק. הימעלפארב.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 9. וואשינגטאן קאמט מיט דער ארבייטער-פראגע — ב. מיימאן.
זייט 10. דער פולווער-פאס אין קליין-אזיען — א. זעלדין. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. בריף פון פוילען — דוד מייער. צוריק (געדיכט) — אברהם רייזען.
זייט 12. די ענגלישע ארבייטער-פרעסע אין לאנד — מאקס ד. דעניש. עפענטליכע מיינונג — ז. ווייהלער.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. אן אויפרוף פון דער היברו אימיגראנט איד סאסייעטי.

דער בריטיש טרייד יוניאן קאנגרעס

פרעזידענט שלעזינגער'ס באגריסונגס-רעדע מאכט א גוטען איינדרוק אויף די דעלעגאטען. — די שניידער יוניאנס פון לאנדאן מאכען פאר איהם א באנקעט און נעהמען איהם אויף מיט ענטוזיאזם. — א קאנפערענץ אין בערלין פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון די קליידער ארבייטער.

דעם 4טען סעפטעמבער האט אין סוטפארט, ענגלאנד, זיך געעפענט דער יעהרליכער קאנגרעס פון די טרייד-יוניאנס אין ענגלאנד. דער קאנגרעס האט אנגעהאלטען א וואך צייט.

ווי אונזערע לעזער וויסען, איז פרעזידענט שלעזינגער געשיקט געווארען צו דעם קאנגרעס אלס „פראטערנאל" דעלעגאט פון די „אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר". ער איז דארט געווען דער אפיציעלער שליח פון די אמעריקאנער ארגאניזירטע ארבייטער, און אז ער האט זיינע שליחות גאנץ עהרענהאפט דורכגעפיהרט קאן מען זעהן פון די רעדע, וואס ער האט דארט געהאלטען, באגריסענדיג די ענגלישע ארגאניזירטע ארבייטער, אין נאמען פון די אמעריקאנער ארגאניזירטע ארבייטער. לויט די ידיעות, וואס מיר האבען באקומען, האט זיין באגריסונגס-רעדע געמאכט א גוטען איינדרוק אויף אלע אנוועזענדע, און ער איז ווארים באגריסט געווארען. מיר וועלען איבערדרוקען די רעדע אין נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט".

אין לאנדאן איז פרעזידענט שלעזינגער אויפגענומען געווארען מיט פיל ענטוזיאזם פון די נאדעל-ארבייטער יוניאנס, וועלכע האבען נאך מיט צוויי יאהר צוריק איהם ערוועהלט אלס עהרען-פרעזידענט פון זייער פארבאנד.

אין לאנדאן האט פרעזידענט שלעזינגער זיך באגעגנט מיט אונזער וויים־פרעזידענטין, מיס פאניא מ. קאהן, אויף איהר רייזע צוריק פון דער אינטערנאציאנאלער קאנפערענץ אין בריסעל, און די שניידער-יוניאנס האבען דארט געגעבען דעם זעלבען ברידערליכען ברוך הבא צו ביידען. זיי האבען איינגערופען מאס-מיטינגען, וואס זיינען באזוכט

(שלוס אויף זייט 3.)

וויים-פרעזידענטין פאניא מ. קאהן אנגעקומען פון איראפא

אן „אינפארמאל רעסעפשאן" דעם שבת אווענט.

וויים-פרעזידענטין פאניא מ. קאהן, די סעקרעטערין פון דער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל קאמיטע, האט דעם דינסטאג ביטאג זיך צוריקגעקערט פון איראפא.

הויפטזעכליך איז זי געפאהרען אין בריסעל, בעלגיום. זי איז אהין געשיקט געווארען אלס דעלעגאט פון די „ווארקערס עדיוקיישאן ביורא אוו אמעריקא", צום ערשטען אינטערנעשאנאל קאנפערענץ וועגען לייבאר-עדיוקיישאן. זי האט פארבראכט עטליכע וואכען אין איירופא. זי האט באזוכט נאך איינינע אנדערע לענדער — פראנקרייך, ענגלאנד, שווייצאריען און האלאנד, און אין אלע די לענדער האט זי געמאכט א ספעציעלען שטודיום פון די עדיוקיישאנאל־טעטיגקייטען אין דער ארבייטער-באוועגונג. זי האט זיך דארט באגעגענט מיט די אנגעזעהענסטע טוער, אי פון דער ארבייטער-באוועגונג, אי פון דער עדיוקיישאנאל וועלט און זי האט געבראכט מיט זיך א מאסע ווערטפולע אינפארמאציעס, פון די אלע לענדער וואס זי האט באזוכט.

ארום א וואך צייט האט זי פארבראכט אין לאנדאן, ענגלאנד, אויף איהר רייזע צוריק פון בעלגיום. זי איז געקומען אהין די וואך וואס פרעזידענט שלעזינגער איז דארט געווען אין די יוניאנס פון די נאדעל-ארבייטער אין לאנדאן האבען זיי ביידען געגעבען א זעהר

(שלוס אויף זייט 3.)

קלאוקמאכער, אויפמערקזאם!

צוליב דער ניט נארמאלער לאגע אין אונזער טרייד, פאדערען מיר אייך אויף אויסצופאלגען די פאלגענדע אינסטראקשאנס:

1 פארלאנגט פון אייער מאנופעקטשורער באצאהלט פאר אייער ארבייט יעדע וואך.

2 ווען איהר ארבייט אפ די וואך און אייער מאנופעקטשורער ערקלערט אייך אז ער האט נים קיין „פיי" פאר אייך, ווייל „ער האט נים באקומען קיין געלד פון זיין דזשאבער אדער ריטיילער", מעלדעט אזא פאל גלייך צו אייער דיסטריקט מענעדזשער און ער וועט נעהמען געגען איהם די ריכטיגע שריטע.

קלאוקמאכער, פאלגט אוים די אויבענדערמאנטע אינסטראקשענס און איהר וועט פאר אייך אויסמיידען א סך טראבעל.

דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן
ל. לאנגער, סעקרעטער.

א ווארט צו די קלאוקמאכער יוניאן וועגען די מינימום ווידזש סקיילס

(שלוס פון זייט 1)

האט אפגעשאפט די טעאבלירטע מינימום סקיילס, וועלכע האבען עקזיסטירט אונטער דעם פריהערדיגען אגרימענט. דיזע לייטע געהן אזוי ווייט, דאס זיי שמועסען איין מאנכע קלאוקמאכער, אז אין די אפיסעס פון דער קלאוקמאכער יוניאן נעהמט מען מעהר ניט אויף קיינע קאמפליינטס, ווען ארבייטער קומען זיך באקלאגען, אז זיי באקומען ניט דעם מינימום־סקייל.

מיר ערקלערען, אין נאמען פון דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יוניאן, אז דאס איז א ליגען! דאס איז ניט מעהר ווי א געמיינע פארלוימדונג קעגען דער יוניאן! . די זעלביגע מינימום־סקיילס זיינען פארבליבען, און זיינען אין קראפט אונטער דעם איצטיגען אגרימענט, פונקט ווי זיי זיינען געווען אין קראפט אונטער דעם פריהערדיגען אגרימענט.

בריינגט קאמפליינטס וועגען די סטרייקס אין די אפיסעס פון דער יוניאן.

אין אלע אפיסעס פון די קלאוקמאכער יוניאן ווערען אויפגענומען קאמפליינטס וועגען די סקיילס, געגען אסאסיאיישאן שעפער, אזוי גוט ווי געגען „אינדעפענדענט" שעפער. און זאלען די אלע פאלען, וואו א באלעבאס באט אן אן ארבייטער א פרייז נידעריגער פון דעם מינימום־סקייל, גלייך געמעלדעט ווערען אין אפיס פון די יוניאן, און געגען דעם באס וועט גענומען ווערען די ריכטיגע שריטע.

און כדי דאס זאל ריכטיג דורכגעפיהרט ווערען, האט דער „פראטעקטיוו" אפיס פון דזשאינט באארד לעצטע וואך ארויסגעשיקט א בריף מיט די סקיילס פון אלע פאך־ארבייטער אין דער קלאוק־אינדוסטריע, צו די שאפ־טשערליים פון די „פראטעקטיוו" שעפער, זיי אויפפאדערענדיג שטרענג אויפצופאסען, דאס קיין ארבייטער זאל ניט ארבייטען אונטער'ן סקייל פון זיין פאך. די טשערליים ווערען אויך אויפגעפאדערט, דאס אלע אזעלכע פאלען זאלען זיי מעלדען אין אפיס פון דער יוניאן. אין דעם בריף ווערט געזאגט בפירוש, דאס די שאפ־טשערליים וועלען געהאלטען ווערען פאראנטווארטליך, אויב זיי וועלען ניט מעלדען אין אפיס פון דער יוניאן יעדען פאל, וואו אן ארבייטער ארבייט פאר ביליגער ווי דער טעאבלירטער מינימום־סקייל.

אט איז א צעטעל פון די סקיילס פון די וועכענטליכע ווייזשעס, וואס איז אפגעדרוקט אין דעם דערמאנטען בריף צו די שאפ־טשערליים פון די „פראטעקטיוו" שעפער:

קלאוק און דרעס קאטערס	$44.00
סקוירט קאטערס	39.50
סעמפל מייקערס	36.00
דזשעקעט, קאוט, ריפער און דרעס אפערייטארס	50.00
סקוירט אפערייטארס	48.00
שטיק־שניידער	43.00
ריפער, דזשעקעט און קאוט פינישערס	41.00
דזשעקעט, קאוט און ריפער פינישער העלפערס	32.00
דזשעקעט, קאוט און ריפער אויבער־פרעסער	42.00
דזשעקעט, קאוט און ריפער אונטער־פרעסער	37.50
סקוירט אויבער־פרעסער	38.00
סקוירט אונטער־פרעסער	28.50
סקוירט בייסטערס	25.00
סקוירט פינישערס	20.50
דרייפערס	27.50
בעגראדערס אן סקוירטס	32.00
מיידלאך בעגראדערס	27.50
קלאוק בושלערס	25.00
בושעלמען, וועלכע פינען, מארקען און טוען אויך דזשענעראל ארבייט אן גארמענטס	34.00
באטאנהאל־מאכערס — פאר 100 באטאנהאלס	1.30

דאס ווייזט, אלזא, גאנץ קלאר, ווי ליגנעריש עס זיינען די פארשפרייטע קלאנגען פון די פארלוימדער, אז די סקיילס זיינען אפגעשאפט געווארען אונטער דעם איצטיגען קלאוק־אגרימענט צווישען דער יוניאן און די אסאסיאיישאן.

גענעראל סטרייק פון די עמבראידערי ארבייטער געסעטעלט!

(שלוס פון זייט 1)

אויף ווייטער אנצופיהרען דעם סטרייק. עס מאכט ניט אויס, וואס דער סטרייק איז מיט א פאר טעג נאך דעם מיטינג געסעטעלט געווארען און זיי וועלען די 10 פראצענט ניט דארפען צאהלען. דאס צייגט אבער פון וועלכען טייג זיי זיינען געקנעטען; דאס פארמינדערט ניט צו ווייזען זייער אפפערוויליגקייט און זייער קלאסענבאוואוסטזיין; זייער ריכטיגען באגרייפען, אז די ארבייטער, וואס זיינען נאך אין קאמף געבליבען, קעמפען אויך זייער קאמף און מען דארף זיי העלפען מיט א ברידערליכער האנד.

נאך א דרעס - פירמע ווערט באשטראפט.

דער דזשאינט באארד פון דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן האט גערופען צו פאראנטווארטליכקייט נאך א דרעס־פירמע, וואס האט אין דער שטיל געבראכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן. דאס איז די „אולמאן און דזשאסעל קא." פון בראדוויי.

די פירמע באלאנגט צו דער אסאסיאיישאן, אבער דער יוניאן האט עס ניט אפגעהאלטען צו מאכען פארברייטונגען איהר צו ערקלעהרען אין סטרייק פאר ניט אויספאלגען דעם אגרימענט. די אסס'ן האט זיך אריינגעמישט און האט צו קיין סטרייק ניט דערלאזען. די פירמע האט באצאהלט דריי טויזענד דאלאר שטראף פאר ניט נאכקומען די יוניאן־באדינגונגען אין איהר שאפ און האט אויך געגעבען 5,000 דאלאר סעקיור'טי, אז ווייטער וועט זי דעם אגרימענט אפהיטען.

און אזוי ווערט איין דרעס־פירמע נאך דער צווייטער גערופען צו פאראנטווארטליכקייט.

ווייסט און דרעס־מאכער יוניאן וועט רופען דיסטריקט־מיטינגען.

דער דזשאינט באארד פון דער ווייסט און דרעס־מאכער יוניאן נעמט זיך איינרופען דיסטריקט - מיטינגען. דאס הייסט, מען וועט רופען מיט'נגען פון די ארבייטער, וואס ארבייטען אין איין דיסטריקט, און רופענדיג מיטינגען פון אלע דיסטריקטען וואו די שעפער געפינען זיך, וועט די יוניאן אזוי נאך זיך דורכריידען מיט אלע ארבייטער פון דער ווייסט־ און דרעס־אינדוסטריע.

דער צוועק פון די מיטינגען וועט זיין צו באקענען די ארבייטער מיט די לעצטע באשלוסען פון דעם דזשאינט באארד, און זיי באקאנט צו מאכען מיט דעם ארגאניזאציאנס־קעמפיין פון דער יוניאן בכלל. די מיטינגען וועלען פררעסירט ווערען פון י. האכמאן, דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד, און פון לואידזשי אנטאניני, דער מענעדזשער פון די איטאליענישע ווייסט און דרעס מאכער יוניאן, לאקאל 89. וואו די מיטינגען וועלען אפגעהאלטען ווערען, וועט שפעטער אנאנסירט ווערען.

קלאוקמאכער אין באלטימאר גרייטען זיך צו א גענעראל סטרייק.

(שלוס פון זייט 1)

קלאוקמאכער שוין איצטער זיך נעמען גרייטען פאר א גענעראל סטרייק אין יאנואר, און דורך דעם סטרייק וועט געמאכט ווערען א שטארקער פארזוך צו פארטרייבען פון באלטימאר דעם פעסט פון די זאגענאנטע „קארפאריישאן"־שאפעס, פון וועלכע די קלאוקמאכער פון באלטימאר ליידען ניט ווייניגער ווי עס ליידען פון דעם די קלאוקמאכער פון אלע אנדערע שטעדט.

ביי די ליידיס טיילארס.

לאקאל 101, די ליידיס טיילארס יוניאן פון באלטימאר, איז אין דער לעצטער צייט אביסעל איינגעשלאפען... איצטער אבער האבען די מיטגלידער פון דער יוניאן זיך נעכאפט, אז מיט'ן פארנאכלעסיגען די יוניאן האבען זיי זיך געטאן א גרויסע רעה, און זיי האבען זיך א כאפ געטאן אויף צוריק, זיי האבען גענומען שטארקען די רייהען. עס קומט פאר ביי זיי א מין רעארגאניזירונגס־קאמפיין; זיי מאכען דורך אן אויפלעבונגס־פעריאד, מיט גוטע אויסזיכטען באלד ווידער צו האבען א פעסטע ליידיס טיילאר יוניאן, אפשר נאך א שטארקערע יוניאן, ווי זיי האבען געהאט אירגענד ווען פריהער.

זאלען אלע זייערע אנשטרייגונגען געקרוינט ווערען מיט ערפאלג!

סטודענטען אויפמערקזאם.

די סטודענטען פון אונזערע יוניטי סענטערס און פון ארבייטער אוניווערזיטעט, וועלכע האבען געביטען זייערע וואוינונגען, זיינען געבעטען צו שיקען זייער נייעם אדרעס אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט., ניו יארק.

קליוולאנדער קלאוקמאכער יוניאן גרייט זיך צו באנייען דעם אגרימענט מיט די באלעבאטים.

(שלוס פון זייט 1)

מענער־אפערייטארס. עס ווערען דארט באשעפטיגט אלס אפערייטארס בלויז פרויען. מענער אפערייטארס ביי דרעסעס קענען באקומען ארבייט בלויז אין די אוטסייד, קלענערע שעפער. די יוניאן וועט דעריבער פאדערען, דאס די גרויסע אינסייד דרעס שעפער זאלען זיין אפען פאר מענער־ארבייטער אזוי גוט ווי פאר פרויען־ארבייטער.

5. „רעדזשיסטריישאנס". די יוניאן וועט פארלאנגען, דאס אלע ארבייטער אין טרייד זאלען גענוי רעדזשיסטרירט ווערען, כדי מען זאל וויסען באשטימט וויפיל ארבייטער עס ווערען באשעפטיגט און וואו דיזע ארבייטער געפינען זיך.

דאס זיינען בלויז איינינע פון די הויפט־פונקטען, וואס די יוניאן וועט ארויסשטעלען צו דער באנייאונג פון דעם טרייד־אגרימענט. די דערמאנטע קאמיטע איז נאך ביי דער ארבייט אויסצוארבייטען און פארמולירען נאך אנדערע פונקטען.

די קליוולאנדער קלאוקמאכער יוניאן מאכט איצט בכלל דורך א גאנץ לעבעדיגע שטיקעל צייט. די יוניאן האט ניט לאנג צוריק באשלאסען ארויפצולעגען א טעקס אויף די מיטגלידער אנצופילען די קאסע, צו זיין פארזיכערט, אז אויב עס וועט מוזען קומען צו א קאמף מיט די באלעבאטים זאל די יוניאן ניט זיין מיט לעדיגע הענד און זאל זיך ניט דארפען פארלאזען אויף עמיצענס הילף. די יוניאן האט באשלאסען זיך אליין צו העלפען און זי האט ארויפגעלעגט אן אסעסמענט אויף די מיטגלידער. מענער־מיטגלידער דארפען איינצאהלען 26 דאלאר און פרויען־מיטגלידער, וואס פארדינען ווייניגער פון די מענער, דארפען איינצאהלען 20 דאלאר. און, ווי מיר הערען, צאהלען די מיטגלידער גאנץ ווילינ דעם טעקס. זיי ווייסען וואס א רייכע יוניאן־קאסע מיינט פאר זיי, אין דער צייט ווען מען דארף געהן באנייען אן אגרימענט, און דערצו נאך ארויסשטעלען נייע פאדערונגען, און זיי צאהלען דעם אסעסמענט מיט צופרידענהייט.

צו די ארבייטער פון אלע לענדער.

(שלוס פון זייט 3)

רען, ווייל זיי זיינען אן גאנצען איבעריג. אויב דייטשלאנד וועט אויפגענומען ווערען אלס גלייכבארעכטיגט מיטגליד אין פעלקער־בונד, זיינען פאראן גאראנטיעס, אז עס וועט איינהאלטען די אינטערנאציאנאלע אפמאכען.

אין נאמען פונ'ם זעלבסט־באשטימונגס־רעכט פון די פעלקער פאר'משפט'ן די עקזעקוטיווע אלע פראבען, וואס באדראהען די סאווערעניטעט פון דער דייטשער רעגירונג און רויבען ביי איהר אוועק דאס רעכט צו ארדנען די אינערליכע עקאנאמישע און סאציאלע ענינים אין דער פולער פרייהייט.

ארבייטער פון אלע לענדער!

דער עקאנאמישער ווידעראויפבוי און דער וועלט־שלום פאדערען עס, אז איהר זאלט מיט אייער גאנצער קראפט קעמפען אנטקעגען דער רעאקציע און פאר דער אלגעמיינער אפריסטונג.

נעהמענדיג אין אכט דעם פינאנציעלען צוזאמענברוך, מוז דייטשלאנד ניט נאר אננעהמען די נויטיגע מיטלען צו באקומען וואס מעהר שטייערען, נאר עס מוז אויך באקומען דאס פארלאנגטע מאראטאריום ביז אן אומפארטייאישע אונטערזוכונג וועט פעסטגעשטעלען זיין לייסטונגס־פעהיגקייט אדער ביז עס וועט דורכגעפיהרט ווערען די אינטערנאציאנאלע הלואה.

די קאנפערענץ פאדערט, אז פאר דער פארווירקליכונג פון אט די אידעען, זאל מיט אלע מיטלען אנגעפיהרט ווערען אן ענערגישע פראפאגאנדע. אין אייערע ארגאניזאציעס, אין אייער פרעסע, דורך מאסען־אקציעס און דורך אייערע פארטרעטער אין פארלאמענט זאלט איהר אויפהויבען אייער שטים

פאר דער דייטשער רעפובליק!

פאר'ן ווידער־אויפבוי פון אייראפא!

פאר'ן וועלט־שלום!

קלאוק אפערייטארס!

מיר האבען יעצט דורכגעמאכט א שווערען קאמף צו פארמינדערען א גרויסע צאהל פון די סקעב און קארפאריישאן שעפער.

עס איז אונז געלונגען אפצושאפען א גרויסע צאהל פון זיי און די ארבייטער זיינען באזעצט געווארען אין גרעסערע און מעהר לעדזשיטימייט שעפער.

עס זיינען נאך אבער פארבליבען א צאהל אפערייטארס וואס האבען ביז יעצט נים געפונען קיין פלאץ צו דער ארבייט.

מיר אפעלירען דארום צו אייך, מעמבערס פון לאקאל 1, העלפט צו מאכען דעם רעארגאניזיישאן פאר אן ערפאלג.

נעהמט ארויף אזוי פיל אפערייטארס צו אייך אין שאפ ווי נאר מעגליך. אויב די יוניאן שיקט ארויף בעלי־מלאכות צו אייך אין שאפ, זעהט אז זיי זאלען דארטען בלייבען זיצען.

ברידער, ס'איז אין אייערע אינטערעסען אפצושאפען די ארבייטסלאזע ארמיי אום די זעלבע מעמבערס זאלען נים זיין געצוואונגען צו ארבייטען אין די נעסטען וואס רופען זיך קלאוק שעפער מיט וועלכע די יוניאן האט זיך אנטזאגט צו סעטלען.

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 1

א. ל. ג. וו. י.

ב. קאפלאן, טשערמאן. ב. שעהן, מענעדזשער־סעקרעטער.